# שער התשיעי שער הפרישות

**בפרישות מן העולם הזה והטוב לנו ממנה. וזה פתח השער:**

**אמר** המחבר מפני שהקדמנו לדבר בחשבון האדם עם נפשו והיתה הפרישות מן העולם אחד מאופני החשבון ראיתי לסמוך לו באור מיני הפרישות ותוכן-חיוב מה שהוא חובה ממנה על אנשי התורה בעבור מה שיש בו מתקנת התורה והעולם ומנוחת הנפשות והגופות בשני העולמים. וראוי לנו לבאר מדברי הפרישות שבעה ענינים. האחד מה היא הפרישות הכוללת וצורך אנשי העולם אליה. והשני בגדרי הפרישות המיוחדת וצורך

מרפא לנפש

והאלהים יתברך ישימנו מהם ויכניסנו בכתותיהם ברחמיו. אמן:

וזאת היא המדרגת העליונה אונ דאס איז דיא העכסטע מעלה שבידיעת האל יתברך פון דעם וואס מוס וויסן דיא הנהגה פון גאט יתברך כי מי שידעהו באמת דען דער וואס ווייס אים באמת ידבק בעבודתו דער ועט זיך בהעפטין אין זיין דינסט וביראתו אונ אין זיין פארכט כפי ידיעתו כו׳ לויט זיין וויסן שאפט וואס ער האט אין זיין הארץ אונ אין זייגע מחשבות ויתקיימו לו חובות הלבבות אונ וועט קאנען האלטין דיא מצות וואס מען איז חייב צו טאן מיט דיא הערצער אונ מיט די אברים בלי טורח ועמל אן מיהע אונ אן מידיקייט אך בחריצות והשתדלות בייערט מיט שארפין פר שטאנד אונ מיט פלייסקייט אונ מיט גישווינדיקייט אזו וויא דוד המלך עליו השלום האט גיזאגט חשתי ולא התמהמהתי איך האב מיך גיאיילט צו טאן דיינע מצות אונ האב ניט גיזאמט וכו אמר החכם אונ פון דעם הט דער חכם שלמה המלך גיזאגט אין משלי אשרי אדם מצא חכמה וואול דעם מענטשן וואס ער האט דיא חכמה גיקריגין אונ אין תהלים שטייט אשרי שומרי משפט וואול דיא זעלביגע וואס היטין דעם משפט עושי צדקה בכל עת אונ טוען צדקה אונ מעשים טובים אלע צייט. טוט דער מחבר בעטין והאלהים יתברך ישימנו מהם גאט יתברך זאל געבין אז מיר זאלין אויך זיין פון דיא זעלביגע ויכניסנו בכתותיהם אונ זאל אונז אריין ברייגגען צווישין דיא פרומע לייט ברחמיו מיט זיין דר בארעמקייט אמן:

אמר המחבר זאגט. דער מחבר מפני שהקדמנו לדבר בחשבון האדם עם נפשו ווייל מיר האבין אויבין גיזאגט פון דעם חשבון וואס דער מענטש זאל האלטין מיט זיין נפש והיתה הפרישות מן העולם כו׳ אונ איינס פון דיא אופנים פון חשבון איז דאך אז מען זאל זיך אפ שיידין פון דער וועלט ראיתי לסמוך לו דרום האב איך גיזעהן דר בייא צו שטעלן באור מיני הפרישות דם ערקלערין וויפיל מיני פרישות עס איז פאר האנדין ותוכן חיוב אונ דעם חיוב וואס דיא וואס האלטין דיא תורה זיינען שולדיג דער פון בעבור מה שיש בו כו׳ ווייל אין דעם וואס מען שיידען זיך אפ פון דער וועלט איז פר האנדין וואס קומט צו ניץ דעם מענטשין צו דר תורה אונ צו דעם עולם ומנוחת הנפשות והגופות אונ דער נפש אונ דער גוף וועלין גירועט זיין אין ביידע וועלטין וראוי לנו לבאר אונ מיר בדארפין פון די זאכין פון פרישות בשיידין שבעה ענינים זיבין זאכין האחד איינס איז מה היא הפרישות וואס איז דאס אפ שיידונג וואס גייט אן אלע מענטשין גלייך וצורך אנשי העולם אליה אונ וויא ארום בדארפין עס דיא לייט נייטיג האבין והשני. אונ דאס אנדערע איז בגדרי הפרישות המיוחדת וויא ווייט דאס פרישות גרייכט וואס עס גייט נאר אן דיא אויס געצייכענטע לייט וצורך

אנשי

אנשי התורה אליה: והשלישי לכמה כתות נחלקים הפרושים בפרישות. והרביעי בבאור תנאי הפרישות. והחמישי במה שיאות לתורתנו מן הפרישות. והששי במה שבא בספר התורה וספרי הנביאים מדברי הפרישות. והשביעי בהפרש שיש בין קדמונינו ואבותינו ובינינו בפרישות:

**פרק א** אבל מהות הפרישות הכוללת וצורך אנשי העוה"ז אליה אומר בתשובת השאלה הזאת כי הפרישות שם תחתיו ענינים. והשם כנוי מגולה והענין סוד מוסתר וכאשר יסירו אדרתו (ס"א אדמתו) ויתירו חותמו יראה מסתור ענינו ותגלה מגמתו וגדר הפרישות בלשון סתם הסימת תאות הנפש והמנע מן הדבר הנפרש ממנו עם היכולת עליו והזדמנותו לעילה המחייבת זה ונאמר הפורש מי שיכול והניח. והעילה המחייבת חסימת תאות הנפש מתחלקת לשני חלקים. אחד מהם כולל האדם והרבה מבעלי חיים.

## מרפא לנפש

**פרק א** אבל מהות מה הוא הפרישות כו׳: אומר וכו׳ כי הפרישות שם תחתיו ענינים ר״ל כמלה זה של פרישות הוא שם על כל מיני פרישות שכלם נקראים בשם זה שהוא פרוש הכל תחתיו כשתעיין היטב למה הוא פורש מזה הדבר המאכל תחתיו כמה ענינים שאינם דומים זה לזה: והשם כנוי סגולה ר״ל כל השמות של כל דבר הוא רק כנוי מגולה שנקרא כך כפי האדם והענין ופירושו הוא נסתר ונעלם כהוכו: וכאשר יסיר אדרתו ר״ל מלבושו ומכסהו שם ה׳ אותו: יראה אור נראה ונתגלה ונודע ענינו: וגדר הפרישות כו׳ ופי׳ אלו פרישות בשם לכל מיני פרישות הוא הסימת תאות הנפש שמוכס עצמו ופורש מן הדבר: עם היכולת עליו אע״פ שיש יכולת בידו ומזומן לפניו לעשותו רק שהוא פורש ממנו דאל״כ אינו ראוי ליקרא בשם זה של פורש כמו שנאמר הפורש הוא מי שיכול לעשותו והניחה לא ׳מה מחייבת זה שיש לו אוזה טעם וסבה למה הוא פורש ממנו רק שאין הטעמים והסבות שוות למה מניחה והוא מברר הטעמים ואמר: והעילה המחייבת כו׳ כמו הנהגת

אנשי התורה אליה אונ וויא דיא גילערנטע לייט בדארפין האבין עס גייטיג והשלישי אונ דם דריטע איז לכמה כתות נחלקים הפרושים אויף וויפיל כתות ווערין גיטיילט דיא פרושע לייט אין זייער אפ שיידונג פון דער וועלט והרביעי בביאור תנאי הפרישות אונ צום פערטין וועט בשייד ווערין ·דיא תנאים וויא מען איז זיך נוהג אין דעם אפ שיידונג והחמישי אונ דאס פינפטע איז במה שיאות לתורתנו מן הפרישות וואס עס איז רעכט צו אונזער תורה מען זאל זיך נוהג זיין מיט פרישות והששית אונ דאס ·זעקסטע איז במה שבא בספר התורה כו׳ וואס אין דער תורה אונ אין דיא ספרים פון דיא נביאים ווערט גיזאגט פון דעם פרישות והשביעי אונ דאס זיבעטע איז בהפרש שיש בין קדמונינו ואבותינו וואס דער חילוק איז צווישין אונזערע פר צייטיגע לייט אונ אונזערע עלטערין ובינינו אונ צווישין אונז מפרישות אין דעם אפ שיידונג פון דער וועלט :

אבל מהות הפרישות הכוללת אבער וואס איז די אפ שיידונג וואס אלע מענטשין גייט אן וצורך אנשי העולם הזה אליה אונ וואס דיא מענטשין פון דער וועלט בדארפין עס אומר וועל איך זאגין בתשובת השאלה הזאת אין דעם ענטפער אויף דר שאלה כי הפרישות שם אז דם ווארט (פרישות) איז איין נאמן וואס ווערט גירופין אלערלייא מינים פון פרישות תחתיו ענינים אונ אונטער דעם נאמען ווערין פיל זאכין פאר שטאנדין והשם כנוי מגולה אונ דער נאמען (פרישות) איז איין ווארט וואס אנפלעקט אונ בקענט איז והענין אונ דאס פירוש דר פון איז סוד מסותר איין פאר בארגינער סוד וכאשר יסירו אדרתו אונ אז מען וועט אפ טאן זיין דעק ויתירו חותמו אונ מען וועט אויף בינדין זיין חתימה דאס הייסט אז מען וועט עס גוט ערקלערין יראה מסתור ענינו וועט גיזעהען ווערין זיין פאר בארגענע זאך ותגלה מגמתו אונ עס וועט אנפלעקט ווערין זיין כוונה וויא מען מוז עס פאר שטיין וגדר הפרישות אונ דאס ערקלערין פון דעם ווארט (פרישות) איז חסימת תאות הנפש ער פאר שליסט אונ האלט איין דאס גילוסטיגקייט פון דעם נפש והמנע מן הדבר הנפרש ממנו אונ פר מיידט זיך פון דער זאך וואס ער שיידט זיך אפ פון דעם עם היכולת עליו חאטשע ער האט יכולת צו טאן דיא זאך והזדמנותו אונ דיא זאך איז אים אן גיבריים צו טוען אונ ער שיידט זיך פארט אפ דער פון לעילה המחייבת זה ווייל ער האט עפעס א טעם וואס ער איז געניייטיגט ער זאל זיך דער פון אפ שיידין ונאמר אונ עס איז גיזאגט גיווארין הפורש איין אפ שיידער הייסט מי שיכול דר וואס קאן דיא זאך טאן והניח אונ לאזט זיא אוועק אונ טוט זיא ניט דר הייסט איין אפ שיידר זאגט דער מחבר והעילה המחייבת כו׳ אונ דער טעם וואס איז מחייב אז מען זאל איין האלטין דס גילוסטיגקייט פון דעם לייב מתחלקת לשני הלקים דאס ווערט גיטיילט אויף צווייא חלקים אחד מהם איינס פון די

צווייא

והשני מיוחד באנשי התורה מן המדברים והפרישות הכוללת הוא הנהוג בה לתקנת גופינו והסדרת עניננו כמו הנהגת המלכים בדתי המדינות והנהגת הרופאים לבריאים ולחולים והנהגת כל איש שכל את נפשו בחסימת תאותו מן המאכל והמשתה והמשגל והמלבוש והדבור ושאר תנועותיו ואופני תענוגיו והפרישות המיוחדת היא שהורתה עליה התורה והשכל לתקנת נפשותינו לעולם הבא כאשר אבאר במה שאני עתיד לדבר בעזרת האל יתברך, אך אופני הצורך אל הפרישות הכוללת הוא בעבור מה שהקדמנו בשער השלישי מן הספר הזה כי חפץ הבורא יתעלה בבריאת מין האדם היה ליסר הנפש ולנסותה בעוה"ז בעבור שתזדכך ותהיה בתכונת המלאכים הקדושים כמ"ש (זכריה ג) אם בדרכי תלך וגו' ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה. וחייבה החכמה נסות הנפש בגופות עפריות מקבלות הגידול והתוספת במצוע המזונות הראוים להם והרכיב הבורא יתברך בנפשות האנושיות כח תאוה תכספנה בו למזון המוכן להם בעוה"ז להעמידם ולתקנם כל ימי חבורם והרכיב

מרפא לנפש

המלכים כי אלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו : והנהגת כל איש שכל ר"ל איש חכם ומשכיל : את נפשו אף שאינו לחסום תאוותיו לתקנת הגוף אע"פ שלא נצטוה עליו : שהקדמנו בשער הג' פ"ט . עיין זה הדבר באורך ובפירושנו שם :

צווייא כולל האדם והרבה מבעלי חיים געהט אן בייא דעם מענטשן אונ ביי פיל אנדרע לעבעדיגע בעשעפעניש והשני מיוחד באנשי התורה אונ דם אנדרע גייט נאר אן דיא מענטשן וואס בעשעפטיגן זיך מיט לערנן והפרישות הכוללת אונ דם אם שיידונג וואס איז פאר אלע מענטשן הוא הנהוג בה לתקנת גופינו דאס איז וואס מען בדארף זיך אין איר נוהג זיין צו דעם וואול זיין פון אונזרע גופים והסדרת עניננו אונ כדי אונזרע בעשעפטיגונג זאלין זיין מיט ארעכטין סדר כמו הנהגת המלכים בדתי המדינות גלייך וויא דיא מלכים גיבען אוים ריכט אונ געזעץ אין דיא מדינות דאס זייער פירונג זאל זיין מיט ארעכטין סדר וואהרום די לייט זאלין ניט האבין קיין גיזעץ וואלט איינר דעם אנדערין פיל שאדין געמאכט והנהגת הרופאים לבריאים ולחולים אונ אזו וויא די דאקטורים שרייבין פאר דיא גיזונטע אונ קראנקע דעם גיזונטין זאגט ער אז ער זאל דאס אונ דאס ניט עסין כדי ער זאל ניט קראנק ווערין אונ דעם קראנקין זאגט ער דאס זאלסטו טוען וועסטו גיזונד ווערין והנהגת כל איש שכל אונ וויא איטליכער מענטש וואס האט שכל איז זיך נוהג בחסימת תאותו כו' איין צו האלטין זיין גלוסטיקייט אין עסין אונ אין טרינקין אונ פון אנדערע געברויכע והמלבוש והדבור אונ פון קליידין אונ רידין ושאר תנועותיו ואופני תענוגיו אונ זיינע אנדערע תנועות אונ אלערליא אופנים פון זיינע תענוגים טוט אלין דריגען דר פר שטאנדיגר מאן גיט נאך געבין זיין גלוסטיקייט אונ דאס טוט ער אלץ ווענין דאס וואול זיין פון גוף והפרישות המיוחדת אונ דאס בזונדרליכע פרישות וואס גייט ניט אן דיא גאנצע וועלט הוא איז דאס שהורתה עליה התורה והשכל וואס די תורה אונ דער שכל לערינט אונז לתקנת נפשותינו פון דעם וואול זיין אונזר נשמה אויף עולם הבא כאשר אבאר וויא איך וועל בשיידין ווייטר מיט גאטס הילף אך אופני הצורך כו' נאר דיא אופנים וואס מען בדארף גייטיג צו דעם פרישות וואס גייט די גאנצע וועלט אן הוא איז דאס בעבור מה שהקדמנו וויל מיר האבין שוין אויבין גיזאגט אין דעם דריטין שער פון דעם ספר כי חפץ הבורא יתעלה כו' אז דער בשעפר יתעלה האט דרום גיוואלט צו בשאפין דעם מענטשין ליסר הנפש ולנסותה צוא קעסטיגין דעם נפש אונ צו פרובין זיא אויף דר וועלט אויב זיא וועט גיין אין גוטין וועג בעבור שתזדכך פון ווענין זיא זאל גילייטערט ווערין ותהיה בתכונת המלאכים אונ זיא זאל זיין אין דר מעלה פון דיא הייליגע מלאכים וויא עס שטייט אין זכריה אם בדרכי תלך אויב דו וועסט גיין אין מיינע וועגין ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה וועל איך דיר געבין אז דו זאלסט קאנען גיין צווישין דיא שטייענדיגע מלאכים וחייבה החכמה אונ די חכמה פון גאט האט פר שטאנען נסות הנפש בגופות עפריות ער זאל פרובין די נשמה אונ זאל זיא גיוואונגען צו זיין אין איין גוף וואס איז פון דר ערד מקבלות הגידול והתוספת וואס דר גוף קאן וואקסין אונ מערין זיך אין כח במצוע המזונות הראויים להם דורך דיא שפייז וואס איז גוט צום גוף והרכיב הבורא יתברך אונ דער בשעפר יתברך האט איין גיפלאנצט אין דיא מענטשינס נשמות כח תאוה איין כח פון גילוסטיקייט תכספנה בו כו' זיא זאל מיט.

בהן עוד כח אחר תכספנה בו למשגל להיות מן האיש תמורתו בעולם ונתן הבורא יתברך לאדם שכר עליהם התענוג בהם והפקיד עליו היצר להגיע אותו אל המאכל והמשתה והמשגל ואל כל התענוגים והמנוחות אשר בהם תקנת גופו כמו שאמר (קהלת ג) גם את העולם נתן בלבם וגו', וכאשר גבר היצר על השכל ונמשכה הנפש אליו נטתה באדם אל הרבויים המביאים להפסדת עניניו והריסת גופו ונצטרך בעבור זה למדת הפרישות מן התענוגים והמנוחות כדי שישתוו עניניו ויהיו דבריו על הסדר בעוה"ז בלקיחת המזון ויהיה משובח עליו כמו שאמר (תהלים קיב) טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט. ולפי שנצטרך המין האנושי לנהוג בפרישות אשר בו תקנתו בעולם הזה בקחתו הצורך ממנו היה בדין להיות בעולם פרושים גמורים נבדלים ונגזרים מעסקי העולם ילמד מהם כל מין ממיני

מרפא לנפש

התענוג בהם ומזה מאוס שאין גוף הדבר המאוס רק כדי להעמיד המין שלא יפסוק לכך מין התענוג הזה כ"כ הרמב"ם בספ' מזהם והלא הן הנסקלין ע"ש בארוכה וכן הוא בענין המאכלים שאחר האכילה נפסק התענוג מאכילה לגמרי שהיא רק לקיום הגוף ולא לתענוג: גם את העולם. נתן בלבם שיתאוו לדברי העולם כדי ליתנו כמ"ש לעיל: יכלכל דבריו במשפט עניניו במשפט ובצדק כלומר בדרך בינוני. יכלכל לשון הנהגה: ולפי שנצטרך כו' היה בדין להיות בעולם פרושים מן' ר"ל בעבור שיש כמה כ"א שהורגל נעשה אצלו כטבע אלא להרבות במיני התענוגים הן במאכל או במשתה וכמדומה לעוס

מיט דעם גילוסטין צו דעם שפייז וואס איז פאר זייא אן גיבריים אויף דער וועלט להעמידם ולתקנם כדי זייא זאלין קאנען בשטיין אזו לאנג וואס דר גוף מיט דר נשמה זיינען פאר בונדין והרכיב בהן עוד כח אחר אונ ער האט אין זיי נאך איין אנדער כח איין גיפלאנצט תכספנה בו זיי זאלין מיט דעם כח גילוסטין צו איין אשה להיות מן האיש תמורתו בעולם כדי עס זאל פון דעם מענטשין ארויס קומן קינדער וועט זיין אישוב אויף דער וועלט ונתן הבורא יתברך לאדם כו' אונ דר בשעפר יתברך האט גיגעבין צום מענטשין איין שכר פאר דיא וועלטליכע זאכין התענוג בהם דעם תענוג וואס ער האט דער פון והפקיד עליו היצר אונ האט איבר אים גישטעלט דעם יצר הרע להגיע אותו כו' ער זאל אים דער וועקין צו עסין אונ טרינקען אונ תאות הזיווג ואל כל התענוגים והמנוחות אונ צו אלע תענוגים אונ: מנוחות אשר בהם תקנת גופו וואס דורך זייא קאן דער גוף אקיום האבין אזו ווייא עס שטייט אין קהלת גם את העולם נתן בלבם ער האט אויך גיגעבין אין זייער הארץ אז זייא זאלין גילוסטין אויף דיא זאכין פון דעם עולם וכאשר גבר היצר אונ אז דער יצר הרע שטארקט זיך איבער דעם שכל ונמשכה הנפש אליו אונ דאס נפש ציהט זיך צו אים נטתה באדם אל הרבויים נייגט זיא זיך ביא דעם מענטשין צו איבערפליסיגהייט דאס הייסט ער זאל האבין מער איידער ער בדארף נייטיג המביא להפסדת עניניו וואס דאס איבערפליסיגהייט ברייגנט אים צו פר דארבין זיין פירונג והריסת גופו אונ זיין גוף זאל צו פירט ווערין ונצטרך בעבור זה אונ דורך דעם בדארפין מיר למדת הפרישות צו דער מדה פון אפ שיידונג פון דיא תענוגים אונ מנוחות כדי שישתוו עניניו כדי זיין אויפפירונג זאל בלייבין אויף אמיטיל מעסיגין וועג ויהיו דבריו על הסדר בעולם הזה אונ זיינע זאכין זאלין זיין אויף דער וועלט אויף ארעכטין סדר מיט זיין עסין אונ טרינקען ויהיה משובח עליו אונ ער וועט דרויף גילויבט זיין ווי עס שטייט אין תהלים טוב איש חונן ומלוה עס איז גוט אמענטש וואס ער לייטוועליגט אונ לייט געלט דעם ארום מאן יכלכל דבריו במשפט ער פירט אונ פאר זארגט זיין זאך מיט רעכט אונ מיטיל מעסיג ולפי שנצטרך המין האנושי כו' אונ ווייל די מענטשין בדארפין נייטיג נוהג צו זיין זיך מיט אפ שיידונג פון איבריגע אונ נוציגע זאכין אשר בו תקנתו בעולם הזה וואס דורך דעם איז זיין וואול זיין אויף דער וועלט בקחתו הצורך ממנו אז ער וועט נעמען פון דיא וועלטליכע זאכין נאר וואס ער בדארף נייטיג כלומר ווייל עס איז פאר האנדין פיל מענטשין וואס האבין זיך זייער גיוואונט מיט דיא תאוות עולם הזה אונ זיינען אריין גיפאלין אין שלעכטע מדות אונ דער מיט פאר דארבין זייא זייער גוף אונ שטארבין פאר דר צייט אונ זיי מיינען אז עס איז שוין ניט גימאלט אפ צו גיוואונען זיך פון דיא תאוות היה בדין דרום האט השי"ת דיא מענטשין אין זייער הארץ גיגעבין אדר (היה בדין) דרום גיט דר שכל מיט להיות בעולם פרושים אז עס זאל זיין אויף דער וועלט רעכטע פרושים נבדלים ונגזרים מעסקי העולם וואס זייא זאלין זיין נאר אפ גישייד. פון דיא וועלטליכע זאכין ילמד מהם כדי אלערליי מענטשין

זאלין

האדם כפי צרכו וכראוי למנהגו ומדותיו. ואין תקנת העולם שיהיו כל אנשיו נוהגים בפרישות כי זה מביא לעזיבת ישוב העולם ולהפסק הזרע וכבר אמר הכתוב (ישעיה מה) לא תהו בראה לשבת יצרה כי הפרישות פנה מפנות העולם וצורך המדברים אליה כצרכם אל שאר החכמות והמלאכות אשר יתיחד בכל אחת מהם עם מבלתי עם אחר כדי שיהנו בני אדם ותקח כל כת כפי צרכה והראוי לה מהן ואין תקנת העולם שיתיחדו כל אנשיו בחכמה אחת ולא במלאכה אחת כי השלמת סדר העולם בכלן כמו שאמר החכם (קהלת ג) את הכל עשה יפה בעתו ואמר (שם) לכל זמן. וכבר התבאר במה שהקדמנו ענין הפרישות הכוללת וצורך בני אדם אליה לסדר עניניהם בה בעולם הזה:

## מרפא לנפש

ומגונות עד שנפלו לכמה רעות ובטלות גופם ולמיתה קודם זמנם והבורים שאין יכולין למנוע עצמם לכך נתן הש"י בלב כמה ב"א להיות פרושים גמורים זה ממדה זו וזה ממדה זו ותכליתם ממנה לגמרי ויכול כל אדם ללמוד מהם מדות וילחם ביצרו שיוכל להסכים טבעו לכל אשר יחפוץ לדרך בינוני כמו שיש כמה מיני בעלי מלאכות בעולם וכן יש מדינות שמצויין בהם סגולות ומלאכות פרטיים שאין באחרת כדי שיקחהו זה מזה:

זאלין זיך פון זיא אפ לערנען כפי צרכו וויפיל ער בדארף נייטיג וכראוי למנהגו ומדותיו אונ לויט אס שיקט זיך צו זיין גיזונדהייט אונ זיינע נאטורן ואין תקנת העולם כו' אבער דיא וועלט קאן קיין גליק האבין ווען אלע מענטשין זאלין זיך אפ שיידין פון דער וועלט כי זה מביא לעזיבת ישוב העולם וואורום דאס ברייננט אז דאס בעוואוגג פון דער וועלט זאל פר לאזט ווערין ולהפסק הזרע אונ מענטשין וואלטין נים גיהאט קיין קינדער אונ דער פסוק האט אבער גיזאגט לא תהו בראה ער האט נים בשאפין די וועלט זיא זאל וויסט בלייבן נאר לשבת יצרה ער האט זיא בשאפין זיא זאל בזעצט ווערין דרום קאן גים זיין אז אלע מענטשין פון דר וועלט זאלין זיין פרושים נאר אטייל מענטשין בדארפין זיין רעכטע פרושים כדי איטליכר מענטש זאל זיך פון זיי אפ לערנען אונ זאל זעהן אז מען קען יוא גייטין די טבע צו וואס מען וויל. זאגט דר מחבר כי הפרישות פנה מפנות העולם דען די אפ שיידונג פון וועלטליכע תענוגים איז איינס פון די גרונד זאכן פון דר וועלט וצורך המדברים אליה אונ דיא מענטשין בדארפין עס נייטיג כצרכם אל שאר החכמות ווי זיי בדארפין נייטיג אנדערע חכמות אונ מלאכות אשר יתיחד בכל אחת וואס ווערט אויסגעצייכנט אין איטליכם פון דיא חכמות אונ מלאכות עם איין פאלק מבלתי עם אחר אונ נים אנדר פאלק כלומר דר מענטש קאן די חכמה אונ דיא מלאכה אונ דר אנדערר קאן דס נישט אונ קאן אנדר מלאכה אונ דס איז אלץ כדי שיהנו בני אדם כדי לייט זאלין דר פון הנאה האבין זיי זאלין דר פון גישפייזט ווערין ותקח כל כת כפי צרכה אונ איטליכע כתה זאל זיך נעמן דער פון לויט איר בדערפנס וויפיל זיא דארף דער פון כלומר כדי זייא זאלין פאר קויפין וואס זייא מאכין צוא אנדערע וואס קאנען דאס נים אונ יענע וועלין פאר קויפין זייערם וואס זייא מאכין וועלין זיי אלע האבין פרנסה למשל איינר קאן אקערין אונ זייען אונ דער אנדערר קאן אויף ארבעטין שוך וואר"ג פאר קויפט דער דיא תבואה אונ קויפט זיך שיך אונ יענר קויפט זיך פאר דעם געלט תבואה אונ אזו אגלייכין איז ביי אלע מלאכות ואין תקנת העולם אבר דר עולם וואלט נים גיהאט קיין קיום שיתיחדו כל אנשיו בחכמה אחת אז אלי מענטשין זאלין זיין אוים גיצייכנט אין איין חכמה ולא במלאכה אחת אונ נים אוים גיצייכנט אין איין מלאכה דס זייא זאלן אלי נאר איין מלאכה טאן כי השלמת סדר העולם בכלן וואורום דאס פאלקאמענהייט פון דעם סדר פון דער וועלט איז דורך אלערלייא חכמות אונ מלאכות דער קאן די חכמה אונ די מלאכה אונ דער אנדערר קאן אנדר חכמה אונ אנדר מלאכה דורך דעם קאן די וועלט אקיום האבן. אזו וויא דער חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין קהלת את הכל עשה יפה בעתו ער האט אלץ רעכט בשאפן אין זיין צייט אונ פריער שטייט לכל זמן צו אלעם איז איין צייט וכבר התבאר במה שהקדמנו אונ מיט דעם וואס מיר האבן פריער גישריבן איז שוין בשייד גיווארן ענין הפרישות הכוללת דער ענין וואס דיא אפ שיידונג איז וואס גייט אן דיא גאנצי וועלט וצורך בני אדם אליה אונ וויא די מענטשין דארפין עס נייטיג לסדר עניניהם בה בעוה"ז כדי זייא זאלן דורך דעם מסדר זיין זייערי זאכין אויף דער וועלט אויף ארעכטין סדר:

אבל

**פרק ב** אבל מה נדר הפרישות המיוחדת וצורך אנשי התורה אליה נחלקו החכמים בגדרה. מהם מי שאמר הפרישות עזיבת כל מה שטורד מן האלהים. ואמר אחר הפרישות מאוס בעולם וקצר המאויים. ואמר אחר הפרישות מנוחת הנפש וחסימת רעיוניה מכל מה שהיא להם למנוחה, ואמר אחר הפרישות הבטחון באלהים, ואמר אחר הפרישות כסות בשר הערוה ושבר הרעבון ומאוס בזולתם, ואמר אחר הפרישות עזוב אהבת הברואים ואהוב הבדידות, ואמר אחר הפרישות ההודאה על הטובה וסבל הנסיון, ואמר אחר הפרישות מניעת הנפש מכל מנוחה ותענוג נופני אלא הטבע אשר לא תוכל לעמוד בלעדיו ויוציא זולתו מן הנפש, וזה הגדר יותר ראוי לפרישות הנוהגת בתורתנו משאר הגדרים אשר זכרנו. אך צורך אנשי התורה לנהוג בפרישות הוא שכונת התורה להמשיל השכל בכל תאות הנפש ולהגבירו עליהם. ומן הידוע כי הגברת התאוה על השכל היא

מרפא לנפש

**פרק ב** וקצר המאויים כתאות: מנוחת הנפש מטרדת העוה"ז: וחסימת רעיוניה מכל מה שהוא להם למנוחה ר"ל שהוסם מתשוקתו מכל הדברים שהם נתענוג להם למנוחה ולא תתאוה. להם קאי על הרעיונים. וכמ"ש פירש כג' עניים ע"ש או פי' מה שהוא לרעיונים למנוחה ולא תתאוה מה שהוא מנוחה לגוף רק לנפש: ומאום בזולתם מה שהוא זולת כסותו ושבר רעבונו הוא ממאס בו: עזוב אהבת הברואים לחבר ולהיות עמהם: אלא הטבע כו' כלומר ולא יכנס ענינו אלא ממה שהיא מוכרח עליו כפי הטבע אשר לא תוכל כו' ר"ל שיש תאות שאין יכול לעמוד בלעדיהם כגון תאות אכילה ומשגל לקיום המין ע"ש, אמר שהמשיל השכל עליהם ויש תאות שאינו צריך לו כלל וכלל ע"ז אמר ולהגבירו עליהם לבטלם

אבל מה נדר הפרישות המיוחדת אבער וואס בטייט דאס אפ שיידונג וואס גייט נאר אן בזונדערע מענטשן אונ ניט אלי מענטשן וצורך אנשי התורה אליה אונ דיא לייט וואס באשעפטיגן זיך מיט לערנין בדארפן צו דער פרישות נחלקו החכמים בגדרה קריגן דיא חכמים אין איר פירוש מהם פון זייא איז פר האנדין מי שאמר איינר וואס זאגט הפרישות דאס אפ שיידונג איז עזיבת כל מה שטורד מן האלהים מען זאל פר לאזין אלץ וואס מאכט טרוד פון גאט דינסט ואמר אחר אונ איין אנדער חכם האט גיזאגט הפרישות מאוס בעולם דאס אפ שיידונג איז מען זאל פר אכטין די וועלט וקצר המאויים אונ די גילוסטיקייט קירצין דאס מען זאל ניט נאך געבין די תאוות ואמר אחר אונ איין אנדער האט גיזאגט הפרישות מנוחת הנפש דאס פרישות איז מען זאל טראכטין רוא פר דער נשמה וחסימת רעיוניה מכל מה שהיא להם למנוחה אונ זאל פר שליסין אירי מחשבות פון אלי זאכין וואס אז זיא וועט דרויף ניט גידיינקין וועט זיא האבין מנוחה. אדער אזו איז דר פשט פון זעלבע וואס אים דאכט זיך אז ער וועט עס קריגן וועט ער האבין דער פון מנוחה ואמר אחר אונ אנאנדרער האט גיזאגט הפרישות מן הבטחון באלהים דאס אפ שיידונג איז מען זאל זיין בטחון שטעלין אויף גאט ואמר אחר אונ איין אנדרער האט גיזאגט הפרישות דאס אפ שיידונג איז כסות בשר הערוה מען זאל ניט מער בגערין וואס גאנץ נייטיג איז דהיינו מען זאל מער ניט פר לאנגן קליידר אז מען זאל דיא לייב בדעקין אונ שפייז זאל מען מער ניט פאר לאנגן ושבר הרעבון אז דעם הונגר צו שטילין ומאוס בזולתם אונ וואס חוץ דעם זאל מען פר אכטין ואמר אחר אונ אנאנדרער האט גיזאגט הפרישות עזוב אהבת הבריות דאס אפ שיידונג איז מען זאל פר לאזין ליב צו האבין פיל גיזעלשאפט מיט לייט צו מאכין ואהוב הבדידות אונ מען זאל ליב האבין די איינזאמקייט דאס הייסט מען זאל בעסר זיצין אליין ואמר אחר אונ אנאנדרער האט גזאגט הפרישות ההודאה על הטובה דאס אפ שיידונג איז מען זאל דאנקין פר דאס גוטי וסבל הנסיון אונ זאל ליידין ווען גאט פרובט אים אונ שיקט אים צו יסורים ואמר אחר אונ אנאנדערער האט גיזאגט הפרישות מניעת הנפש מכל מנוחה די אפ שיידונג. איז דאס מען זאל זיין ווילן ניט נאך געבין אין קיינרלייא רוא אונ לייבליכע תענוגים אלא הטבע נאר זעלכם וואס די טבע בדארף גייטיג אשר לא תוכל לעמוד בלעדיו וואס דו וועסט אן דעם ניט קאנגן בשטיין ויוציא זולתו מן הנפש אונ דאס וואס חוץ דעם איז וואס ער קאן זיך אן דעם אויך בגיין זאל ער ארויס שלאגן אויס דעם זין. זאגט דער מחבר וזה הגדר יותר ראוי לפרישות כו' אונ דער פירוש שיקט זיך בעסיר צו דעם פרישות וואס שטייט אין אונזער תורה משאר הגדרים אשר זכרנו אז די אנדרי פירושים וואס מיר האבין דער מאנט אך צורך אנשי התורה כו' אבער ווארום דארפן די לומדים זיך אפ שיידין פון די וועלטליכע תענוגים הוא איז דאס דר טעם שכונת התורה ווארום די כוונה פון דער תורה איז להמשיל השכל בכל תאות הנפש צו מאכן גיוועלטיגן

ראש כל חטאת וסבת כל גנות ולא נטה עם אל העולם עד שנטו מן התורה והשיאם היצר להניח ישוב עולם הצלתם ונטה בהם דרך אבותיהם אשר היה דרך די הצורך בעולם והספק ממנו ולהסתפק בדבר המספיק לחיות בו ויפה להם התפארה בו והרבות מהונו וחבב עליהם להתעדן ולהתנשא בו עד אשר צללו במצולות ימיו וחייבם היצר לסבול צער גליהם והעולם מושל בהם ואוטם אזניהם ו עצים את עיניהם ואין מהם אחד אלא מתעסק בתענוגו כשישיגנו ויזדמן לו והוא תורתו ודתו עד שטרד אותו מאלהיו כמו שאמר (ירמיה ב) תיסרך רעתך ומשובותיך תוכיחוך וגו'. ומהם מי שימנע התענוג ההוא ומחשבתו

מרפא לנפש

לגמרי: ולא נטה עם המון עם בני ישראל: אל העולם תאות העולם הזה ולעבדו תמיד: עד שנטו מן התורה מדרך התורה שהוא דרך ישר ובינוני: והשיאם היצר להניח ישוב עולם הצלתם שהוא עוה"ב שהוא עולם הצלתם באמת והם הניחוהו ולא עוד אלא אפי' מעשה אבותיהם אין בידיהם אשר היה דרכם להסתפק בכדי צרכם בלבד ולהם ייפה היצר התפארה בו בעולם ולהרבות מהונו כו': במצולות ימיו כמו שטבעה בים שאין יכול לעלות כן הם ע"י הרבה כמוהו מרבה דאגה: כשישגנו כהשתדלותו: ויזדמן לו בלא טרחה: והוא תורתו ודתו כלומר אין לו תורה אחרת רק מה שעובד ומתעסק תמיד להגיע לכל תאותו: תיסרך רעתך ברעתך עצמה היא מיסרך מאחר שקבלת עליך עבודת העולם מחויב אתה לעבדו ואין לך

דעם שכל איבער אלע גלוסטיגקייט פון זיין ווילן ולהגבירו עליהם אונ זאל שטארקן דעם שכל איבער דיא ומן הידוע אונ דס איז ידוע כי הגברת התאוה עליו השכל אז דיא תאוות איז שטארקער פון דעם שכל היא ראש לכל חטאת דס איז דער אנהייב פון אלע זינד דס דורך דעם קומט מען צו אלע עבירות וסבת כל גנות אונ דס איז די אורזאכע פון אלע שענדליכע זאכן ולא נטה עם כו' אונ דס פאלק ישראל האט ניט נייגט צו די תענוגים פון דעם עולם עד שנטו מדרך התורה ביז זייא האבן אוועק גינייגט פון דעם דרך פון דער תורה ווארום די כוונה פון דער תורה איז דאך אז מען זאל שטארקן דעם שכל איבער די תאוות אונ זיי האבן אבער גישטארקט די תאוות איבער דעם שכל דרום האבן זייא אוועק גינייגט פון דעם דרך וס די תורה האט גיהייסן והשיאם היצר אונ דער יצר הרע האט זייא אן גירעדט להניח צו שטעלן פר גיווים ישוב העולם אז די באשטאנדיקייט פון דעם עולם דס איז הצלתם זייער בשירמונג: אדער אזו איז דער פשט להניח ישוב עולם הצלתם דער יצר הרע האט זייא אן גירעדט זייא זאלן אוועק לאזן דאס בשטאנדיקייט פון יענער וועלט וואס איז באמת זייער בשירמונג זאלן זיי אויף דעם ניט טראכטן ונטה בהם מדרך אבותיהם אונ האט זייא אוועק גינייגט פון דעם וועג פון זייערע עלטערן אשר היה דרך כו' וואס זייער וועג איז גיוועזן זייא זאלן מער ניט בגערן אויף דער וועלט נאר וס זיי בדארפן גייטיג והספק ממנו אונ זאלן זיך דער מיט בנוגן לאזן ולהסתפק בדבר המספיק אונ צו לאזן זיך בנוגן מיט אזו פיל וואס ער קאן נאר דער פון לעבן ויפה להם התפארות בו אונ ער האט זייא בשיינט מען זאל זיך ברימן מיט די וועלטליכע זאכן והרבות מהונו אונ צו מערין פון זיין גוטס וחבב אליהם אונ האט צו זיי גיליבט גימאכט להתעדן ולהתנשא בו זיי זאלן זיך צירין אדער צו שפייזן מיט גוטע עסן וטארג אונ צו דער הייבן זיך אין דער וועלט עד אשר צללו במצולות ימיו אונ ער האט זיי אזו פיל אריין גיפירט ביז זיי זיינן איין גיזונקן גיווארן אין די טיפעניש פון זיינע ימים · כלומר אין די טיפעניש פון זיינע תענוגים וחייבם היצר אונ דער יצר הרע האט זייא דער צו גיבראכט אז זייא מוזן ליידן דעם צער פון זייערע אינדין כלומר די דאגות אונ ווייטאג וואס קומן אויף דעם מענטשן מחמת ער וויל אלץ מותרות איז דס גלייך צו דיא אינדין פון דעם ים וויל ער גלייכט די תענוגים צו די טיפעניש פון די ימים איז די דאגות אונ דער עגמת נפש דער פון גלייך צו די אינדן פון דעם ים) והעולם מושל בהם אונ די וועלט גיוועלטיגט איבער זייא ואוטם אזניהם אונ ער פר שטאפט זייערע אויערן פון צו הערן שטראף רייד ומעצים את עיניהם אונ ער פר שליסט זייערע אויגן פון צו קוקן אויף זייער סוף ואין מהם אחד כו' אונ עס איז ניט פר האנדן איינר פון זיי וואס ער גיט ניט נאך נאר זייני תענוגים כשישיגנו ויזדמן לו אבי ער קאן זיי נאר קריגן דורך זיין פלייס אדער זיי זיינן צו אים אן גברייט אן טירחא גיט ער זייא נאך והוא תורתו ודתו אונ דס איז זיין תורה אונ זיין דת כלומר ער האט קיין אנדער תורה ניט נאר וואס ער טראכט אונ איז עוסק תמיד ער זאל קריגן צו זיינע תאוות עד שטרד אותו מאלהיו אונ דס ברענגט אים אזו וייט ביז עס פר טרייבט אים פון זיין גאט אזו וויא ירמיה האט גיזאגט תיסרך רעתך דיין בייזקייט וועט דיך קעסטיגן ומשובותיך תוכיחוך אונ דיין ווילדיקייט וועט

דיך

עליו ונפשו שואפת עליו ותלויה בו ושוגה בבקשתו לילה ויומם כמו שאמר (תהלים לו) און יחשוב על משכבו יתיצב על דרך לא טוב, ושניהם בעינינו טובעים ומהשיג הטוב בו נגזרים ונלאים מפסידים בסחורתם ונפשם פחותה ובחירתם רעה, סכלים בערך התמורה והמומר בה כמו שאמר (שם קו) וימירו את כבודם בתבנית שור וגו', ואינם סרים קרואי ההרגל הגובר ורהבי הסחורות המפסידות לטרוד (ס"א לענות) לכותם בתולדות רהביו ולישב בלבם גלגוליו וכל אשר התערבו רחקו וכל אשר רחקו מאור האמת אשר נפרד ממנו בחברת היצר אשר ידעו התאבכה האפלה עליהם וגדל העולם בלבם ויף חזקו בעיניהם

## מרפא לנפש

מנוחה מהם לעולם כמ"ש חז"ל כל הפורק ממנו עול תורה כו' זהו בעוה"ז ובעוה"ב ג"כ תיסרך רעתך ממך העבירה נעשה לו קטיגור והיא עצמה תיסרך והיינו דקרא ודעי וראי כי רע ומר עזבך את ה' אלהיך: ושניהם בעינינו טובעים בין זה שהשיג תאות עוה"ז ובין זה שאין משיג התאות ונפשו שואפת עליהם שניהם טובעים במצולות ים העוה"ז שדומה לים או יאמר ושניהם טובעים בעניני העוה"ז. ר"ל: מפסידים בסחורתם שקנו העוה"ז ביגיעתם ואינם מרויחים אלא מפסידים: סכלים בערך התמורה והמומר בה אינם יודעים ערך מה שהם מחליפים עבודת הש"י בעבודת העולם איזה מהם יקר ונחשב יותר: ואינם סרים קרואי ההרגל הגובר ר"ל אינם פוסקים מלהיות קרואים ומזומנים לרגילות שלהם שגבר עליהם כלומר קשה להם לפרוש מהם: ורהבי לת"ס, ורהבי ענין חוזק כמו ורהבם עמל ואון. וי"מ ענין גאוה כמו ולא פנה אל רהבים. ול"נ כמו שכתבתי בריש שער הבטחון שהוא לשון קנין וקניני העוה"ז בכלל נקראים רהבים וכנ"ל דעת המחבר בכמה מקומות והדרשה תדרש: התערבו ל' תערובות כשיתערבו עם העוה"ז רחקו מעוה"ב: אשר ידעו לת"ס, ר"ל אשר השגיחו עליו כמו כי יודע ה' דרך צדיקים. או הוא ענין חבה כמו כי ידעתיו למען אשר יצוה. ולנעמי מודע: התאבכה התחזקה מענין ויתאבכו גאות

דיך שטראפין · ומהם אונ אטייל פון זיי איז פר האנדין מי שימנע ממנו כו' אזעלכר וואס דער תענוג איז פון אים פר מיטן ער האט גאר ניט דעם תענוג וואס ער וויל ומחשבתו עליו אונ ער טראכט דרויף ונפשו שואפת עליו אונ זיין לייב גילוסט דרויף ותלויה בו אונ הייננט דראן ושוגה בבקשתו אונ איז בעשעפטיגט טאג אונ נאכט נאך צו זוכן דאס גילוסטיקייט וויא עס שטייט אין תהלים און יחשוב על משכבו אונגערעכט טראכט ער אויף זיין גילעגר יתיצב על דרך לא טוב ער שטעלט זיך אויף דעם וועג וואס ניט גוט איז זאגט דער מחבר ושניהם בעינינו טובעים אונ די ביידי סייא דער וואס קריגט דאס גלוסטקייט אונ סייא דער וואס קריגט עס ניט זיינן איין גיזונקן אין דעם גילוסטקייט פון דער וועלט · אדער (ושניהם) אונ זייערי יארן (בעינינו טובעים) ווערין איין גיזונקן אין דעם פירונג פון דעם עולם. ומהשיג הטוב בו אונ פון צו גרייכן דאס גוטס אין דעם עולם נגזרים זייא זיינן פר שניטן ונלאים אונ זיינען מיד כלומר עס איז פר האנדין זעלכע זאכן וואס זייא קאנן עס גאר ניט קריגן דאס הייסט (נגזרים) זייא זיינן דער פון פר שניטן אונ עס איז פר האנדין זעלכע זאכין וואס זייא קריגן עס יוא אבר מיט גרוס מידיקייט אויף דעם זאגט דער מחבר (ונלאים) אונ זיינן מיד אי זיי קריגן עס מפסידים בסחורתם זיי ווערין אן זייער סחורה דאס וואס זיי האנדלן די תענוגים פון דער וועלט גיווינן זיי דר מיט ניט נאר זייא ווערין נאך אן וואורום זייא וואלטין דאך גיקאנט קריגן יענע וועלט וואס זיא איז פיל בעסיר ונפשם פחותה אונ זייער ווילן איז שלעכט ובחירתם רעה אונ זייער אוים דער וויילונג איז שלעכט סכלים זיי זיינן נאריש בערך התמורה אין דעם שאצונג וואס זיי פר בייטין דאס הייסט גאטס דינסט והמומר בה אונ דאס וואס ווערט פר ביטן דער מיט דאס הייסט די דינסט פון עולם הזה כלומר זיי פר שטייען ניט אז די דינסט פון דעם באשעפר איז פיל בעסר פון די דינסט פון עולם הזה ווי עס שטייט אין תהלים וימירו את כבודם בתבנית שור אונ זייא האבן פאר ביטן זייער כבוד מיט איין גישטאלט פון איין אקס ואינם סרים קרואי ההרגל הגובר אונ זיי ווערן ניט אפ גיטאן פון דעם אז זייא זאלן גירופן אונ אן גיברייט ווערין צו דער געוואונהייט וואס האט זיך אויף זיי פון פריער גישטארקט ורהבי אונ זיי שטארקן אונ מערין זיך הסחורות המפסידות אין דיא שעדליכע האנדיל שאפט לטרוד לבותם ער זאל טרוד מאכן זיין הארץ בתולדות רהביו אין בייעם ברייננן אויף דער וועלט צו פאר גרעסערן אונ מערין זי ולישב בלבם גלגוליו אונ צו מאכן רוען אין זייער הארץ אלי די צרות פון דר וועלט וכל אשר התערבו אונ וואס זיי זיינן מער פר מישט אין תאוות פון דער וועלט רחקו זיינן זיי אלץ ווייטר פון דעם אמת וכל אשר רחקו מאור האמת אונ וויא ווייט זיי זיינן פון די ווארהאפטיגע ליכט אשר נפרד ממנו וואס זייא זיינן דער פון אפ גישייד גיווארן בחברת היצר דורך דעם בהעפטונג פון דעם יצר הרע אשר ידעו וואס זיי האבן אים ליב התאבכה האפלה עליהם האט זיך גישטארקט די

ויושיבו אותו בהחרב שכלם, וכל אשר נוסף העולם ישוב נוסף שכלם חורבן עד אשר חשבו דרכו הרעה כי היא הטובה ותעותו כי היא הישרה ושמוהו לחוק ולמוסר ויורישו אותו האבות את בניהם והעיר עליו משכילם וצוו בו המונם והתקנאו עליו שריהם עד אשר נתכנס היצר בהם (ס"א ביניהם) ונתמלאת החמת, ושב בהם הדבר הנכרי כעולם נודע והדרך הנכונה בו נכריה והמספיק ממותריו הרעב הכופר ועשה כל אחד מהם כאשר ראה שעשה רעהו, והאוחז ממנו די ספקו נקרא עצל והמתאחר (ס"א והמתעצל) מהרבות בו מקצר והמסתפק במספיק ממנו הלש והעובר אותו משתדל ומשתבחים בו ומתנשאים ובעבורו מתחברים וכועסים ורוצים, ובעבור הגבול בו (ס"א ובעבור הגמול בו) עושים בטניהם אלהיהם ותורתם מלבושיהם ומוסרם חזוק משכניהם ותועים במצולות הסכלות

## מרפא לנפש

שמן: ר"ל יפה תואר כמו וייף בגדלו (יחזקאל לא): נתכנס היצר בהם ענין שכרות ושמחה כמו שאמרו חז"ל חייב אדם לבסומי בפוריא: ונתמלא החמת נאד. נתמלאה מיין השכרות כשנכנס סוד כסס: והמספיק ר"ל מי שהוא נותן ממותריו ביום לו לעניים הוא אצלם כופר כמו שמצינו באנשי סדום פ"ל. או ר"ל והמספיק ממותריו הרעב הכוסף. וכל"ל אפי' מי שיש לו די והותר הוא רעב להרבות עוד תענוגיו וכוסף לאחרים ותמורת אלו: והעובר אותו מי שעובר את העולם נקרא אצלם משתדל: ובעבורו ובעבור העולם וקניניו מתחברים זה עם זה: וכועסים על מי שאינו עוזר אותם: ורוצים ומתרצים למי שעוזרם: ובעבור הגבול בו עושים בטניהם את עברו את גבולו שיש להם מותרות הרבה מן העולם אז עושים בטניהם כו'

פינסטערניש איבער זיי וגדל העולם בלבם אונ די וועלט איז גרוים גיווארן ביי זייא אין הארץ ויף חזקו בעיניהם אונ עס איז שיין גיווארן דם שטארקייט פון דער וועלט אין זייערי אויגן ויושיבו אותו אונ זייא מאכן בזעצין דעם עולם בהחרב שכלם דורך די פר וויסטקייט שן זייער פר שטאנד וכל אשר נוסף העולם ישוב אונ וויא מער דיא וועלט ווערט בזעצט אונ גישטאלקט נוסף שכלם חורבן ווערט אלץ מער פר וויסט זייער שכל עד אשר חשבו דרכו הרעה ביז זייא מיינן אויף זייער בייזן וועג כי היא הטובה אז דס איז דם גוטס ותעותו אונ זיין פר אירטין וועג מיינן זיי כי היא הישרה אז דס איז דער גלייכר וועג ושמוהו לחוק ולמוסר אונ האבן דם גיטאן פר אין גיזעטץ אונ פר איין מורא ויורישו אותו האבות אונ די עלטרין מאכן עס ירשנן צו זייערי קינדר והעיר עליו משכילים אונ דער קלוגר פון זיי דער וועקט אונ דער מאנט זיי דרויף נצוו בו המונם אונ זייערי קלוגי לייט לערנן די פראסטע לייט אז זייא זאלן תמיד עוסק זיין אין דיא זאכן פון דעם עולם והתקנאו עליו שריהם אונ זייערי באניגצארנן דריבר אז ווען איינר טוט ניט אזו שטראפן זיי אים דער פר אונ דס גייט אזו ווייט עד אשר נתכנס היצר בהם ביז דר יצר הרע ווערט פון זיי אן גיטרונקן אונ פרייט זיך אין זיי ונתמלא החמת אונ די כאס ווערט פול כלומר ביז זייא פאלגן תמיד דעם יצר הרע צו וואס ער הייסט זייא ושב בהם הדבר הנכרי אונ דיא זאך וואס איז פרעמד, אונ אום רעכט ווערט ביי זייא נודע בקענט אונ רעכט והדרך הנכונה בו אונ דער רעכטין וועג ווערט ביי זיי פרעמד והמספיק ממותריו הרעב אונ דער וואס טוט גיטן דעם הונגריגן מאן פון דעם וואס בלייבט אים איבר הכופר דער איז ביי זיי גירעכנט פר איין כופר ועשה כל אחד מהם כו' אונ איטליכר פון זייא טוט וויא ער זעהט וואס זיין חבר טוט והאוחז ממנו די ספקו אונ דר וואס גרייפט נאר דם וס ער האט זיין בדערפנים נקרא עצל ווערט ער ביי זיי אן גירופן איין פוילר ומתאחר מהרבות בו אונ דער וואס היילט זיך ניט צו מערין פיל געלט אדר אנדרי זאכן ווערט ער ביי זיי גירופן מקצר ער קירצט דאס הייסט ער טוט ניט גנוג לויט ער האלט בדארפט צו טאן והמסתפק במספיק ממנו אונ דער וואס לאזט זיך בנוגן מיט דעם וואס ער האט רופן זיי אים חלש איין שוועכלינג והעובר אותו אונ דער וואס דינגט די וועלט אונ ער איז אלץ עוסק אין די זאכן פון דעם עולם דער ווערט ביי זיי גירופן משתדל איין פלייסיגער מאן ומשתבחים בו אונ זיי בארימען זיך מיט אים ומתנשאים אונ דער הייבן אים ובעבורו אונ פון דר וועלט וועגן דם כדי זיי זאלן קריגן דם גוטס פון דער וועלט מתחברים בהעפטין זייא זיך וכועסים ורוצים אונ צארנן אויף דעם וס וויל זייא ניט העלפין אויך צו קריגן די תאוות עולם הזה אונ בווילגן זיך צו דעם וואס העלפט זיי דרויף ובעבור הגבול בו אונ אז זיי גייען איבר דעם גבול אין דר וועלט אונ זיי קריגן שוין פיל געלט מער איידר זייער בדערפניש איז עושים בטניהם אלהיהם מאכן זייא זייער בויך פאר זייער גאט ותורתם מלבושיהם אונ זייערי קליידר פאר זייער תורה ומוסרם חזוק משכניהם אונ זייער

שטארקן

שבים במרוצות העצלה עמוסים במעמסות התאוות ומבקשים גמול העובדים במעשת העוברים ומדרגות הצדיקים במנהגי הרשעים, כמו שאחז"ל עושים מעשה זמרי ומבקשים שכר כפינחס. וכאשר הגיע היצר ברוב אנשי התורה אל מה שספרנו נצטרכנו לעמוד כנגדו בפרישות המיוחדת אשר זכרנו גדריה בפתיחת השער הזה ולהתיצב לפניו בה עד אשר תשיבם אל גדר הנכונה התוריה אשר בה תקנת האמונה והעולם. והיה בדין בעבור זה שיהיו באנשי התורה אנשים יחידים נושאים הפרישות המיוחדת ומקבלים תנאיה להועיל בה אנשי התורה עם פנות נפשותם ונטות מדותם אל התאוות הבהמיות עם היצר ויהיו רופאים לאמונה ולנפשות יעלו ארוכה להם בעת נטות מהמדות הטובות אל המדות שאחריתם מגונה, ובעת גבור יצריהם על שכלם ועת טרדתם במותרי עולמם מהדברים

מרפא לנפש

ויצטרכו לצורך גופם באכילה ושתיה ומלבוש ודומיו בתיהם ומשכנותם והינם עובדים גם לאלהים רק יש להם אלהים אחרים. כ"ב מ"ם : בפתיחת השער הזה כ"ל בתחלת הפרק הזה : והיה בדין כו' להועיל בה אנשי התורה כו' הוא עדיין בעצמו שכתבתי בסוף פרק א' ע"ש : עם פנות נפשותם כו' כשיפנו אנשי התורה את נפשותם אל התאות הבהמיות אשר יראו מאלו הפרושים ויקחו מוסר. או פי' עם פנות נפשותם. שהפרושים פנו מנפשותם שלא לנטות במדותם אל התאות הבהמיות : ועת טרדתם במותרי עולמם מהדברים כו' שהמה יותר ממה שהם צריכין מאד לאמונתם ועי"ז הם טרודים תמיד בעוה"ז : או

שטארקען וואונונג איז זייער מוראל אונ דרך ארץ ותועים במצולות הסכלות אונ זייגען פאר אירט אין דעם טיפענייש פון דעם נארישקייט שבים במרוצות העצלה זייא גייען אויף צוריק צום וועג פון פולקייט בלוזער ווען זייא טוען שוין אמאל תשובה אונ זאגן זייא וועלין שוין דם ניט טאן פון דעסט וועגין דער נאך גייען זייא ווידער אין דעם ערשטין וועג עמוסים זייא זייגען גילאדין במעמסות התאוות מיט דעם לאסט פון דעם גילוסטיגקייט ומבקשים גמול העובדים כו' אונ פאר זייערי עבירות וואס זייא טוען ווילן זייא אזו איין שכר וויא די וואס דינען גאט ומדרגות הצדיקים אונ ווילין זיין אין דיא מעלות פון צדיקים במנהגי הרשעים מיט די מנהגים וואס זיי זייגען זיך נוהג וויא די רשעים וויא אונזרי חכמים ז"ל האבען גזאגט עושים מעשה זמרי עם איז פאר האנדין אזעלכע לייט וואס טוען די ווערק פון זמרי ומבקשים שכר כפנחס אונ וואלטין געוין שכר גיהאט וויא פנחס וכאשר הגיע היצר כו' אונ אז דער יצר הרע האט שוין גיקריגן פיל גילערינטע לייט אל מה שספרנו צו דעם וואס מיר האבן אויבין גזאגט נצטרכנו לעמוד כנגדו מוזן מיר זיך שטעלין קעגין איהם בפרישות המיוחדת דורך דעם באזונדערין אפ שיידונג פון וועלטליכע זאכן אשר זכרנו גדריה וואס מיר האבן דער מאנט דם בשיידענס אין דעם אן הייב פון דעם דאזיגן שער ולהתיצב לפניו אונ צו שטעלין זיך קעגין איהם בה מיט דעם אפ שיידונג עד אשר תשיבם כו' ביז דם פרישות וועט זייא ווידער קערין צו דעם רעכטין וועג התוריה וויא די תורה וויל האבן אשר בה תקנת האמונה והעולם וואס מיט דעם וועג איז איין איינריכטונג צו דער אמונה אונ צו דעם עולם. והיה בדין בעבור זה אונ דורך דעם גיט מיט דער שכל שיהיה באנשי התורה אז עס זאל זיין צווישען די גילערינטע לייט אנשים יחידים איינציגע מענטשין אויס גיקליבענע וואס זיינען גאנץ פרום נושאים הפרישות המיוחדת זייא זאלן אויף זיך טראגן אונ זאלן האלטן דם באזונדערי אפ שיידונג ומקבלים תנאיה אונ זאלן אויף זיך נעמן אירי תנאים דאס הייסט אלי זאכן וואס דער צו געהערן להועיל בה אנשי התורה כדי זייא זאלן דער מיט העלפין די גילערינטע לייט עם פנות נפשותם דענסמאלט אז זייערי לייבער קערין זיך ונטות מדותם אונ זייערי נאטורין נייגן זיך אל תאוות הבהמיות צו דיא גימייני גילוסטיגקייט עם היצר מיט דעם יצר הרע אונ דער יצר הרע רעט זייא נאך אן דער צוא אויך דענסמאלט וועלין זיי זעהן פון די פרושים אונ וועלן זיך נעמן פון זייא א מוסר אונ וועלין ניט נאך גיין דיא תאוות ויהיו אונ דיא רעכטע פרושים וועלין זיין רופאים לאמונה וויא דאקטורים צו דער אמונה ולנפשות יעלו ארוכה להם אונ צו די לייבער וועלין זייא היילן בעת נטות מהמדות הטובות אין דער צייט אז זייא וועלין אוועק נייגן פון די גוטע מדות אונ וועלן זיך נייגן אל המדות שאחריתם מגונה צו אזעלכע מדות וואס דר סוף דער פון איז שלעכט ובעת גבור יצרם כו' אונ אין דער צייט אז זייער יצר הרע שטארקט זיך איבער זייער שכל ועת טרדתם כו' אונ אין דער צייט אז די טרדה וואס זייא האבן צו זוכן די איבריגע אום ניצליכע זאכן פון דעם עולם מאכט דאס זייא טרוד מהדברים הצריכים מאד לאמונתם פון נאך צו זוכן די זאכן וואס זייא בדארפן נייטיג צו זייער אמונה אדער אזו איז דער פשט (ועת טרדתם

במותרי

הצדיכים מאד לאמונתם כאלו כונתם לרפא חולה האמונה או דוה נפש ממדוי הספקות ימהרו להעלות לו ארוכה באמתת חכמתם או בורח מעבודת האלהי' ישיבוהו אליה ויבטיחוהו או עמוס בחטאיו יערבו לו מחילת האלהים בשובו מהם. ואם יבא אליהם שוכח אלהים יזכירוהו או צדיק יאשרוהו או אוהב אלהים יאהבוהו או מגדל ליכולת האלהים יגדלוהו, ואם יחטא יזכירוהו מיד לשוב ואם יחלה יבקרוהו, ואם יהיה להם מותר מן העולם יעניקוהו ממנו ואם יפגעהו פגע יעזרוהו. והם דומים בעולם לשמש שפושטת אורה בעולם עליונו ותחתונו כי היא מאירה מה שלמעלה ממנה כמו שהיא מאירה מה שלמטה ממנה מן הכוכבים והגרמים. וכן אלה היחידים אשר ספרתי לך בעוה"ז כמ"ש (בראשית יח) ונשאתי לכל המקום בעבורם ואמר (תהלים קו) לולי משה בחירו. ובעוה"ב כמו שאמר (משלי יא) פרי צדיק עץ

## מרפא לנפש

צדיק יאשרוהו כלומר משבחים אותו כדי לעמוד בצדקו אשרי יושבי ביתך וכן פי' כולם. או יאשרוהו יחזיקוהו וידריכוהו יושר בדרכי הש"י כמו אשרו חמוץ וכן יאהבוהו להש"י יגדלוהו שיגדל להש"י יותר. למ"ש ועיין בהקדמת המחבר כל' הזה: והם דומים בעולם לשמש כו'. מאירה מה שלמעלה ממנה כו' פי' יש כמה כוכבים שהם למעלה מהשמש בגלגל שלהם ומקבלים אורה מהשמש וכן כל הכוכבים והמזלות שלמטה מהשמש מקבלים אורם ממנה וכן כל העוה"ז מאיר ממנה: וכן אלה היחידים

בטותרי עולמם כו' אין דער צייט אז זיא זיינען טרוד אין דיא זאכן וואס זיינען מער פון דעם וואס זייא בדארפן גייטיג צו זייער אמונה דורך דעם זיינען זיי תמיד טרוד אין תאוות העולם הזה היילן דם אלץ די פרושים כאלו כונתם לרפא כו' עס איז גלייך וויא זייער כוונה איז צו היילן דאס קראנקייט פון דער אמונה או דוה נפש אדער די ווייטאג פון דער נשמה ממדוי הספיקות פון אזעלכע ווייטאג וואס זיי זיינען מסופק אין אנאך פון דער אמונה אונ קאנן זיך דרום ניט קיין עצה געבין ימהרו להעלות לו ארוכה וועלין זיי היילן צו היילן דם אים באמתת חכמתם מיט זייער ווארהאפטיגע חכמה. או בורח מעבודת האלהים אדער ווען איינער וועט אנטלויפן פון גאטס דינסט ישיבוהו וועלן זיי אים ווידר קערן אז ער זאל ווידר קומען צו דינן גאט ויבטיחוהו אונ וועלן אים מבטיח זיין אז ער וועט קאנן קריגן גאטס דינסט אונ זיין הארץ זאל ניט אפ לאזן זיך צו זאגן די זאך איז שווער פר מיר או עמוס אדער ווען איינער איז בלאדן מיט זיינע זינד יערבו לו מחילה האלהים וועלין זייא אים ערב זיין אז גאט וועט אים מוחל זיין זיינע זינד בשובו מהם אז ער וועט תשובה טאן ואם יבא אליהם אונ אז עס וועט קומען צו זייא אזעלכער וואס האט פר געסן אן גאט יזכירוהו וועלין זייא אים דר מאנען או צדיק אדער אז איין צדיק וועט קומען צו זייא יאשרוהו וועלין זייא אים שטארקן אז ער זאל נאך בעסר קאנן גאט דינען או אוהב אלהים אדער דער וואס האט ליב גאט יאהבוהו וועלין זייא אים ליב האבן או מגדל ליכולת האלהים אדער דער וואס מאכט גרויס די מאכט פון גאט ויגדלוהו וועלין זייא אים גרויס אונ חשוב מאכן ואם יחטא אונ אז איינער וועט זינדיגן יזכירוהו מיד לשוב וועלין זייא אים תיכף דער מאנען אז ער זאל תשובה טאן ואם יחלה אונ ווען איינער ווערט קראנק יבקרוהו וועלין זייא אים מבקר חולה זיין ואם יהיה להם מותר אונ ווען זייא וועלין האבן איבריגס פון דעם וואס זייא בדארפין אויף דער וועלט יעניקוהו ממנו וועלין זייא דער פון געבן צו איין ארום מאן ואם יפגעהו פגע אונ ווען איינעם וועט זיך עפיס טרעפן אשלעכט בגעגעניש אונ עפיס אצרה יעזרוהו וועלין זייא אים העלפין והם דומים בעולם אונ אזעלכע לייט זיינען גלייך אויף דער וועלט לשמש צו די זון שפושטת אורה וואס זיא פר שפרייט איר ליכט בעולם אויף דער וועלט עליונו אויף דעם וואס איז העכר פון איר ותחתונו אונ אויף דעם אונטערשטן עולם כי היא מאירה ווארום זיא לייכט דעם וואס איז העכר פון איר כמו שהיא מאירה אזוי וויא זיא לייכט וואס נידעריגר פון איר. איז מן הכוכבים והגרמים פון שטערין אונ מזלות ווארום עס איז פר האנגן פיל שטערין וואס זיינען העכר אז די זון אונ פיל זיינען נידעריגר וכן אלה היחידים אונ אזוי אויך זיינען די גיצייכנטע פרושים וועם איך האב דיר דר ציילט לייכטן אונ בשיצין אויך בעולם הזה אויף דעם עולם וויא עס שטייט אין בראשית ונשאתי לכל המקום אונ איך וועל פר געבן די זינד פון דר גאנצע שטאט בעבורם פון זייערט וועגין אונ אין תהלים שטייט לולי משה בחירו ווען עס וואלט ניט גיווען משה זיין אויס דער וויילטר וואלטין חלילה אום גיקומן אלע ישראל ובעולם הבא אונ אויך אויף עולם הבא נאך זייער טויט העלפט אויך גאט דורך זייער זכות אזוי וויא עס שטייט

אין

חיים ועל כן אמרה דבורה (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. ועל המנהג הזה בפרישות תמצא הנביאים עליהם השלום וחסידי קדמונינו בכל דור ודור כאשר הוא מבואר בספריהם, ואני עתיד לבאר מזה מה שיזדמן לי במקומו הראוי בעזרת הצור יתברך:

**פרק ג** אבל לכמה כתות נחלקים הפרושים בפרישות, אומר בתשובת השאלה הזאת, כי הפרישות מן העולם תהיה לאחת משתי עילות כמו שהקדמנו והם התורה והעולם, והפורשים מחמת מסורת התורה שהם אנשי הפרישות האמתי הם שלש כתות, אחת מהם אנשים שהלכו בנדר הפרישות העליון להדמות כאישים הרוחניים ויעזבו כל מה שיטרידם מן האלהים וברחו מן הישוב אל המדבריות והישימון וההרים הנבוהים מקום שאין צוות ולא חברה, אוכלים מה שהם מוצאים מעשב הארץ ועלי האילנים ולובשים הבלויים והצמר ויחסו בסלעים טרדם מורא הבורא ממורא הברואים ושעשעה אותם אהבת

מרפא לנפש

הם מאירים למעלה בעוה"ב ולמטה בעוה"ז וכן הם מגינים על דורם בעוה"ז וכן הם מגינים אחר מיתתם כמ"ש ועושה חסד לאלפים ונמצא בזוהר שהמתים מתפללים בעד החיים להצילם מכל צרה ע"ש:

פרק ג אבל לכמה כתות כו' והם התורה והעולם יש פורשים מחמת אהבת התורה לש"ש ולקיום התורה ויש שפורשים מחמת אהבת העולם הזה לרגיע ע"י הפרישות לתגלת העוה"ז כמו שמפרש: ולובשים הבלויים בגדים היפנים והבלויים: והצמר כלומר העורות עם הצמר בלי עבודה ותיקון מפני שאין להם עורת: טרדם מורא הבורא שהם טרודים כ"כ

אין משלי פרי צדיק עץ חיים די פרוכט פון דעם צדיק איז דר בוים פון לעבין ועל כן אמרה דבורה אונ דרום האט דבורה גיזאגט אין שופטים ואוהביו כצאת השמש בגבורתו אונ די ליב האבערס פון גאט וועלין זיין וויא די זון וואס גייט אוים מיט איר שטארקייט ועל המנהג הזה בפרישות אונ אויף דעם מנהג פון אפ שיידונג פון תענוגים תמצא הנביאים עליהם השלום וועסטו גיפינען אז דאס האבין די נביאים עליהם השלום גיהאלטין וחסידי קדמונינו אונ אויך אונזערע ערשטע חסידים פון איטליכן דור כאשר הוא מבואר וויא עס איז בשייד אין זייערע ספרים ואני עתיד לבאר מזה אונ איך וועל דר פון בשיידן מה שיזדמן לי וואס עס וועט מיר צו האנד קומן במקומו הראוי לו אויף זיין ארט וואס גיהער דער צו בעזרת הצור יתברך מיט דעם הילף פון דעם בשעפר יתברך:

אבל לכמה כתות נחלקים הפרושים בפרישות אבר אויף וויפיל כתות ווערין גיטיילט די פרומע לייט אין דעם אפ שיידונג וואס זייא שיידין זיך אפ פון די וועלטליכע תענוגים כלומר וויא פיל ערלייא פרושים איז פר האנדין אומר בתשובת השאלה הזאת וועל איך זאגין איין ענטפער אויף דער שאלה כי הפרישות מן העולם אז דאס אפ שיידונג וואס מענטשין שיידין זיך אפ פון די תענוגים פון דעם עולם תהיה לאחת משתי עילות דס טוט זיין פון וועגין איינס פון די צוויי טעמים כמו שהקדמנו וויא מיר האבן פריער גזאגט והם אונ זייא זיינען תורה והעולם פון וועגין דר תורה אונ דעם עולם כלומר אטייל שיידן זיך אפ פון תענוגי העולם הזה כדי זייא זאלין קאנן מקיים זיין די תורה פון גאטס וועגין אונ אטייל שיידן זיך אפ כדי זייא זאלן דורך דעם פרישות קומן צו הנאות העולם הזה אדר ווייל זייא זיינן ארום האבן זייא מורא אז זייא זאלין ניט פר שעמט ווערין אוף דער וועלט וויא דר מחבר וועט ווייטר כפורש זיין והפרושים אונ די וואס שיידן זיך אפ מחמת דעם פר בינדונג פון דר תורה מען זאל זיא מקיים זיין שיידן זייא זיך דרום אפ פון די וועלטליכע תענוגים שהם אנשי הפרישות וואס זייא זיינען די רעכטע פרומע לייט הם שלש כתות די זיינען דרייא ערלייא כתות אחת מהם איין כתה פון זייא איז אנשים שהלכו כו' זעלכע לייט וואס גייען אין איין הויכע מדרגה פון פרישות להדמות כאישים הרוחניים דאס זייא ווילן גלייך זיין אז די מלאכים ויעזבו כו' אונ זיי פר לאזין אלין וואס קאן זייא טרוד מאכן פון גאטס דינסט וברחו מן הישוב אונ זייגען אנטלאפין אוים דעם ישוב אין די מדבריות אריין אונ אין די וויסטעניש אונ אוף די הויכע בערג מקום שאין צוות אוף אזו איין ארט וואס איז ניט פר האנדין קיין גיזעלינשאפט אונ קיין בהעפטונג מיט מענטשין אוכלים מה שהם מוצאים זייא עסין וואס זייא קריגן פון דעם גראז וואס אויף דר ערד אונ די בלעטר פון די ביימר ולובשים הבלויים אונ זייא קליידן זיך אן מיט די אלטע פר פוילטע קליידר והצמר אונ פעל מיט וואל ניט אוים גיארבט ווייל מען דארף ניט דר צוא קיין טירחא ויחסו בסלעים אונ בשיצין זיך אונטר די פעלזענס טרדם מורא הבורא די פארכט וואס זיי האבן פר גאט מאכט זייא אזו טרוד אז זיי פארגעסן זיך

זיך

הבורא מחשוב באהבת ב"א והספיק להם מה שיש להם אצל האלהים ולא שייחלו על מה שיש בידי אדם. והכת הזאת רחוקה מכל הכתות בגדר הדרך השוה והתורה מפני שהם עוזבים ענין עולמם לגמרי ואין בדין התורה לעזוב ישוב העולם לגמרי כמו שהקדמנו במה שאמר הכתוב (ישעיה מה) לא תהו בראה לשבת יצרה. והכת השניה אנשים שהלכו בדרך הגדר הבינוני שבפרישות ומאסו מותרי העולם לגמרי וסבלו לחסום תאותם מהם. והמותרים על שני פנים. אחד מהם מותרים שהם חוץ לאדם ונפרדים ממנו כקנינים הגופיים והמאכל והמשתה והמלבוש והמשכן. והשני מותרים דבקים לאדם אין נפרדות ממני סבותם כדבור והשחוק והמרגוע והמנוחה והבט אל המותרים והאזן אליהם והעבר על הרעיונים מה שאין צריך ופסקה הכת הזאת ממנה כל קרואי המותרים ולא ראו לצאת

מרפא לנפש

כמוהו סכנה עד שאין להם שום מורא מב"ו. או יאמר שהם מפחד מורא הבורא הוא גדול אלא ממורא ב"ו כלומר כך הם מסכנים נפשותם לילך במדבר מקום שיש שם חיות רעות כי מורא מה שאינם יכולים לעמוד כי הכיסה הוא אלא גדול ממורא הברואים: מותרי העולם מה שהוא מותר לצרכי העולם לא יחסרון. וכן: כל קרואי המותרים מה שמזמנין כ"א יותר מהצורך להם הם פוסקים ונמנעים מזה. ונ"ל פירש קרואי כל מה שנקרא מותר. וממנה לשון נקנה שם על הכה: ולא רצו לצאת

זיך ניט פאר קיין שום בשעפעניש אחד (שהם מורא הבורא) די פארכט פון גאט האט זיי ארום געטריבן פון זייער היים וואָרום זיי האבן מורא אז זיי וועלן זיין אין זייער היים וועלן זיי ניט קאנען רעכט דינען דעם בשעפער און די פארכט פון גאט איז ביי זיי גרעסער פון די פארכט פון די בשעפעניש כלומר זיי וואלטן דאך בדארפט מורא האבן אין די מדבריות צו גיין מחמת חיות רעות נאר דאס זיי פארכטין זיך טאמער וועלן זיי אין דער היים ניט קאנען רעכט דינען דעם בשעפער איז גרעסער ביי זיי פון די פארכט פאר חיות רעות דרום גייען זיי אין מדבריות אריין ושעשעה אותם און די ליבשאפט פון דעם בשעפער האט זיי אזו געמאכט פרייען אז זיי בגערן ניט מחשוב אהבת בני אדם פון צו אכטין די ליבשאפט פון מענטשין והספיק להם מה שיש להם און זיי לאזין זיך באנוגן מיט דעם שפייז וואס גאט שיקט צו זיי ולא שייחלו כו' און ניט זיי זאלן האפן צו דעם וואס איז פאר האנדען ביי מענטשן דם הייסט זיי האפן ניט אז מענטשן זאלן זיי עפיס געבן והכת הזאת און די כתה איז רחוקה מכל הכתות די ווייטערסטע פון אלע כתות מגדר הדרך השוה פון דעם גלייכן וועג וואס די תורה וויל האבן מפני שהם עוזבים כו' ווייל זיי פאר לאזן אין גאנצן דאס פירונג פון דעם עולם ואין בדין התורה און די תורה וויל דאס ניט האבן לעזוב ישוב העולם לגמרי אז מען זאל דעם ישוב פון דער וועלט אין גאנצן פאר לאזן כמו שהקדמנו ווי מיר האבן פריער געזאגט פון דעם וואס דער פסוק זאגט אין ישעיה לא תהו בראה גאט האט די וועלט ניט בשאפין אז זיא זאל וויסט זיין לשבת יצרה ער האט זיא בשאפן זיא זאל באזעצן ווערן מיט מענטשן והכת השניה און די אנדערע כתה איז אנשים שהלכו כו' די מענטשן וואס גייען אין מיטיל מעסיגן וועג אין די אפ שיידונג פון דער וועלט ומאסו מותרי העולם און זיי פאר אכטין נאר די איבעריגע זאכן פון דער וועלט וסבלו לחסום תאותם און ליידן שמערצן צו פאר שליסן זייערע תאוות פון די איבעריגע זאכן כלומר ווען זיי האבן לוסט צו די זאכן וואס מען קאן זיך בגיין אן זיא, האלטן זיא איין זייער גלוסטיקייט והמותרים און די זאכן וואס זיינען איבריג וואס אמענטש קאן זיך בגיין אן זיא די זיינען על שני פנים אויף צווייערליא אופנים אחד מהם איינס פון זיא איז מותרים שהם חוץ לאדם אזעלכע זאכן וואס זיינען ניט בהעפט צו דעם מענטשן נאר זיא זיינען פון אים אפ געשייד בקנינים הגופים גלייך אז די לייבליכע גיטער וואס איינער האט זיין אייגנס והמאכל והמשתה והמלבוש והמשכן און עסין און טרינקען און קליידן און אדירה אויף צו וואוינען והשני און דם אנדערע איז מותרים דבקים לאדם אזעלכע איבריגע זאכן וואס זיינען בהעפט צו דעם מענטשן אין נפרדות כו' די איבריגע זאכן וואס דורך דעם קאן ער קריגן די איבעריגע זאכן זיינען פון אים ניט אפ געשייד וואָרום די איבריגע זאכן וואס זיינען חוץ פון מענטשן דהיינו עסין אדער טרינקען קאן גיפאלט זיין חאטשע ער וויל איבעריג עסין אדער טרינקען האט ער אבער ניט אבער די איבריגע זאכן וואס זיינען בהעפט צום מענטשן זיינען פון אים ניט פאר מיטן כדבור גלייך אז ריידין והשחוק און לאכין והמרגוע און זיך אפ רוען והמנוחה און שטיל שטיין והבט אל המותרים און צו קוקן אויף איבריגע אום נוצליכע זאכן והאזן אליהם און צו הערין זיא והעבר על

הרעיונים

מהישוב להספיק לגופם מזונותם כמו שהם חייבים בו והמירו המדבריות וההרים בבדידות בבתיהם והיחידות במשכניהם והשיגו שני הענינים והגיעו אל שני החלקים והם יותר קרובים אל הדרך השוה והתוריה ממי שהקדמנו זכרו. והכת השלישית אנשים שהלכו בדרך הגדר השפל שבפרישות והוא שפרשו מן העולם בלבותם ובמצפונם והשתתפו עם אנשי העולם בנראה מגופיהם בישוב העולם כחרישה וזריעה והתעסקו בגופיהם בעבודת הבורא ית' עמדו על צורת נסיון האדם בעוה"ז ומאסרו בו וגרותו והגזרתו מעולם הרוחניות (ס"א הרוחות) אליו ונפשותם מואסות בעולם ובהונו ונכספות לעוה"ב מצפים אל המות

מרפא לנפש

מהישוב כמו שעושין הכת הראשונה: להספיק כדי להספיק לגופם מזונותם ופרנסתם בביתם מה שהוא צריך מאד והוא חיוב התורה: והמירו המדברות וההרים בבדידות בבתיהם כו' כי כת הראשונה התבודדו במדברות וזהו ליישוב והם בבדידות בבתיהם ואין להם עסקים הרבה עם אנשי העולם ויישובו רק הסכרח מאד ולכך עדיין הם קלה מבחין מאחר שאין להם עסק ביישובו של עולם אלא הכת הב' הם יותר על דרך הישרה שהם מתעסקים עם ב"א בכל צרכי העולם אעפ"כ הם פרושים ויישובו בלבם ובמצפונם ולכך הם קרובים לדרך התורה שכוונת התורה שלא יהיה העולם משומם: והשיגו שני הענינים ענין התורה וענין עולמם מה שצריך למזונותם והגיעו אל שני החלקים העוה"ז והעוה"ב: השפל שבפרישות כלומר שאינם פורשים כ"כ כמו השתי כתות הראשונות וכאלו אמר הא' פורשים יותר והב' בינונים והג' פחות משניהם בפרישותם: עמדו על צורת נסיון כו' כלומר הבינו מה ה' שואל מן האדם ולמה נברא הוא שהוא רק לנסותו בעוה"ז להטיבו בעוה"ב ושהוא נאסר בעולם הזה: והגזרתו מעולם הרוחניות ושהוא נגזר ונאצל מעולם העליון ולכך נפשותם מואסות בעוה"ז ומצפים תמיד אל המות ונזכרים ממנו שמא ימותו היום כאלו לכך הם נזכרים להכין כל יום צדה לדרך הרחוקה לעוה"ב: מצפים אל המות כי שם מקומם

הרעיונים כו' אדער צו נעמען זיך אין זיין גידאנקן וואס איז אים ניט נייטיג ופסקה הכת הזאת ממנה אונ די כתה מיינט מען די אנדרע פרושים וואס פריער איז גישטאנען האט פון זיך אפ גישאפט אליץ וואס מען זאגט דאס איז איבעריג ולא רצו לצאת מהישוב אבער עס איז זייא ניט גיפעלין פון זייער היים אוועק צו גיין להספיק לגופם מזונותם כדיי זייא זאלין גינוגן טאן צו זייערע לייבער זייער שפייז וואס זייא בדארפין נייטיג כמו שהם חייבים בו גלייך וויא זייא זיינן דרינען חייב מיט דעם דרך פון דער תורה והמירו המדבריות כו' אונ אנשטאט דעם וואס יענע כתה זיינן גיגאנגן אין מדבריות אונ אויף בערג פר ביטן זיי עס מיט דעם וואס זייא זיינן אליין אין זייערע הייזר והיחידות במשכניהם אונ זיינן איינזאם אין זייערע וואוננגען והשיגו שני הענינים אונ האבן דער גרייכט ביידע ענינים דעם ישוב פון דעם עולם אונ דאס פרישות והגיעו אל שני החלקים אונ זייא האבן גיגרייכט צו ביידע חלקים זייא האבן אחלק אויף דעם עולם אונ אחלק אויף עוה"ב והם יותר קרובים אונ זיינען נעהנטר צו דעם מיטיל מעסיגין וועג וואס די תורה הייסט ממי שהקדמנו זכרו מער פון דער כתה וואס מיר האבן צום ערשטן דער מאנט . והכת השלישית אונ די דריטע כתה איז אנשים שהלכו בגדר השפל אזעלכע לייט וואס זייא גייען אין נידריגסטין וועג פון דעם אפ שיידונג כלומר וואס שיידן זיך ניט אפ פון דר וועלט אזוי פיל וויא יענע צוויי כתות נאר לויט דעם וועג וואס די תורה הייסט איז דאס דער בעסטער וועג והוא אונ אזוי טוען זייא שפרשו מן העולם בלבותם זייא שיידן זיך אפ פון דר וועלט אין זייערע מחשבות והשתתפו עם אנשי העולם אונ זיי האלטן זיך איין גיזעלען שאפט מיט מענטשן פון דר וועלט בנראה מגופיהם אין דעם אוס ווייזונג פון זייערע לייבר בישוב העולם אין די זאכין וואס גיהער צו בזעצין די וועלט כלומר אין הארצן שיידן זייא זיך אפ פון דעם עולם נאר אין אזעלכע זאכין וואס גיהער צו ישוב העולם ווייזט זיך אויס פון זייא אז זייא בהעפטין זיך יוא מיט מענטשן כחרישה וזריעה גלייך אז אקערין אונ זייען והתעסקו בגופיהם כו' אונ צום אמת זיינען זייא עוסק מיט זייערע לייבער אויך אין גאטס דינסט דס אפילו בשעת אז זייא בהעפטין זיך מיט די מענטשן צו טאן אזעלכעם וואס גיהער צום ישוב פון דר וועלט מיינען זייא דרינען אויך גאטס דינסט עמדו על צורת נסיון כו' זייא האבן פר שטאנען וויא אזוי דר מענטש ווערט גיפרובט אויף דר וועלט דאס גאט האט בשאפן דעם מענטשן ער זאל אים פרובין אויף דער וועלט אונ ער זאל אים געבן דר פר פיל שכר אויף עולם הבא אונ האבן אויך פר שטאנען ומאסרו בו וויא דר מענטש איז וויא אגיפאנגנער אין דר וועלט וגרותו אונ זיין פרעמדקייט והגזרתו מעולם הרוחניית אונ וויא די נשמה איז אראפ גיקומן פון דעם אויבערשטין עולם אליו צו דעם מענשין ונפשותם מואסות בעולם אונ זייערע לייבר פר אכטין דעם עולם ובהונו אונ זיין געלט וואס דרינען איז ונכספות לעוה"ב אונ זייא

גלוסטין

והם נזהרים ממנו הכינו צידתם לעת נסיעתם וחשבו במה שמגיעים אל בית מרגועם קודם העתקתם ולא לקחו מהעולם אלא פחות ממזונותם ולא הניחו ממנו מה שהוא טוב להם באחריתם כפי יכלתם אלא לקחו ממנו צידה ונשאוהו. והכת הזאת קרובה אל הדרך השוה הישרה התוריה יותר ממה שזכרנו קודם. אך הפורשים למשוך תועלת העולם ופרישותם באברים ולא במצפונים ובלבבות, והם שלש כתות, אחת מהם אנשים חסמו תאות נפשותם מהשיג קצת התענוגים כדי שיצא להם שם בפרישות וישבחו אותם באמונה ובחסד להיות זה סבה חזקה להגיע אל תכלית תאותם והם מחניפים באמונה ובפרישות בעבור שיבטחו בני אדם בהם ויפקידו אצלם מטמונם ויגלו להם סודותם ויוכלו להזיקם והם הכת הרעה שבכל כתות בני אדם ויותר רחוקה מן האמת ומגונה מכלם ובכמוהם אמר הכתוב (ירמיה ט) חץ שחוט לשונם וגו'. והכת השנית אנשים שמצאה ידם מעט מהון העולם וכאשר ראו מהירות אבדת הממונות והתהפכות הענינים עם מעוט בטחונם באלהים

## מרפא לנפש

ויפטרו ממלחמת היצה"ר ומכריס ממנו מן כמוס שלא ימותו בעונס. ר"ל: ובכמוהם אמר הכתוב חץ שחוט לשונם

גלוסטין צו עולם הבא מצפים אל המות זייא האפין צום טויט והם נזהרים ממנו אונ זייא היטין זיך פר אים כלומר זייא האפין צום טויט דאס זאלין פאר שפארין די מלחמה פון דעם יצר הרע. אונ היטין זיך אז דר טויט זאל זייא ניט קומן דורך זייערע זינד הכינו צידתם זייא גרייטן זיך אן זייער שפייז צו דר צייט ווען זייא וועלין פון דר וועלט אוועק ציהן וחשבו במה שמגיעים כו' אונ טראכטן מיט וואס זייא וועלין קומן צו זייער רוהע הויז אונ דאס טראכטן זייא קודם העתקתם אייהדר זייא ציהן אוועק פון דר וועלט ולא לקחו מהעולם כו' אונ זייא גינימן ניט פון דר וועלט נאר דם ווייניגסטע פון זייער שפייז ולא הניחו אונ לאזין ניט אוועק דאס אלין וואס איז זייא גוט צו זייער סוף כפי יכלתם לויט וויא זייער יכולת גרייכט אלא לקחו ממנו צידה נאר זיי נעמן זיך דר פון שפייז אויף דעם וועג ונשאוהו אונ נעמן עס מיט זיך אויף עולם הבא והכת הזאת אונ דיא דאזיגע כתה קרובה אל הדרך השוה איז נעהנטר צו דעם גלייכן רעכט פארטיגן וועג וואס די תורה הייסט יותר ממה שזכרנו קודם זייא זיינן מער נעהנטר צו דעם גלייכן וועג פון די צוייא כתות וואס מיר האבן פריער דר מאנט אך הפורשים למשוך תועלת העולם נאר די דאזיגי וואס שיידן זיך אפ פון די וועלטליכע תענוגים כדי זייא זאלין דורך דעם קריגן איין הילף אויף דעם עולם ופרישותם באברים אונ זייער אפ שיידונג איז נאר מיט די גלידר ולא במצפונים אונ ניט מיט די מחשבות אין די הערצר והם שלשה כתות די זיינן דרייא כתות אחת מהם איין כתה פון זייא איז אנשים חסמו כו' אזעלכע מענטשין ווס זייא פר שליסין די גלוסטיקייט פון זייער לייב מהשיג קצת התענוגים פון צו גרייכן אמייל תענוגים טאן זייא עס דרום כדי שיצא להם שם כדי זייא זאלן קריגן איין שם אז זיי זיינן פרום וישבחו אותם באמונה אונ מען זאל זייא לויבן אז זייא זיינן ערליכע אונ גוטע לייט להיות זה סבה חזקה כו' כדי דאס זאל זיין איין שטארקע אור זאכע זייא זאלן גרייכן צום צוועק פון זייער גלוסטיקייט וואדום מען וועט זעהן דם זיי זיינן פרום וועט מען זייא געבן געלד אונ זייא וועלין האבן דורך דעם כבוד והם מחניפים באמונה אונ זיינן פאלש אין זייער אמונה אונ אין זייערע פרישות דאס זייא טוען עס נאר בעבור שיבטחו כו' פון וועגין לייט זאלין זיך אויף זייא פר זיכרין אז זייא זיינן בוודאי זייער פרום ויפקידו אצלם מטמנם אונ וועלין געבן צו זייא בהאלטן זייער געלד ויגלו להם סודותם אונ וועלין צו זיי מגלה זיין זייערע סודות ויוכלו להזיקם וועלן זייא קאנן צו די לייט שאדן טאן והם אונ זיי די פאלשע פרושים זיינן הכת הרעה די ערגסטע כתה פון אלע מענטשן ויותר רחוקה מן האמת אונ זיינן מער ווייט פון דעם אמת פון אלע מענטשן ומגונה במנהגם אונ זיינן שענדליכר אין זייער פירונג פון אלע ובכמוהם אמר הכתוב אונ ביי אזו איין גלייכן זאגט דר פסוק אין ירמיה חץ שחוט לשונם זייער צונג איז וויא איין שארפע פייל והכת השנית אונ די אנדרע כתה איז אנשים שמצאה ידם אזעלכע מענטשן ווס זיי האבן עפיס זייער איינינם פון די וועלטליכע גוטם וכאשר ראו אונ אז זייא זעהן אז דם געלד גייט גיך אוועק והתהפכות הענינים אונ זייערע זאכן ווערין פר ענדרט דם זייא פר דינן אמאל ניט וויא פיל זיי

האבן

**הצרו על נפשותם במזונותיהם וחסמו תאותם וטענו כי הפרישות נשאתם על זה ועם העיון האמתי לא נשאם על זה אלא רוב אהבתם בעולם וחריצותם להרבות מהונו ואבלם על ריש נפשותם ומעוט הסתפקותם במה שהגיע אליהם ממנו, ובכמוהם אמר החכם (קהלת ו) איש אשר יתן לו האלהים עשר ונכסים וכבוד וגו'. והכת השלישית אנשים קצרה ידם מקנות ממון ולא הגיעו מהון העולם אל מה שיזונם אלא על הצר שבענינים וראו שיתכבדו ויסתפקו במה שנזדמן להם מן המזון ולא יעמדו מעמד השאלה וחלות הבקשה מבני אדם וחסמו תאותם בהתמדת הרעב והסתתר במעט מלבוש ותלו כל זה בפרישות מן העולם להשמר מפניהם ושלא יתבזו בשאלם מזולתם ויהיו לחרפה בעולם. וכאשר תרצה לעמוד על אמתת מי שיטען מן הפרישות אם הוא לתקנת תורתם או לתקנת עולמם בחנם מרפא לנפש.**

מרמה דבר בפיו שלום את רעהו ידבר ובקרבו ישים ארבו: הצרו על נפשותם כו' כן מנהג צרי עין והקמצנים והכילים שאוכלים לחם צר ומים לחץ מחמת קמצנותם כמו שזכרתי מנהגם בסוף שער ע"ס בשם ר"ת ע"ש: איש אשר יתן לו וגו' איננו חסר לנפשו מכל אשר יתאוה כלומר שאינו חסר כלום ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו וגו': וראו שיתכבדו לעמוד בדרך כבוד שלא יתגלגלו לבקש ולשאול מב"א כעני כפתח לכך מסתפקים במעט לגוס ומזון: להשמר מפניהם קאי על

דאבן פרייער פר דינט עס. מיעוט בטחונם באלהים אונ דורך דעם וואס זיי האבן ווייניג בטחון אויף גאט הצרו על נפשותם זיינן זייא אויף זיך זעלבסט קארג מיט זייער שפייז. אדר אזו איז דר פשט זיינן זייא זיך מצער וויל זייא מוזין פיל געלד אוים געבן אויף זייער שפייז וחסמו תאותם אונ זייא פר שליסן אונ האלטן איין זייער גלוסטונג וטענו אונ זאגן פר לייט כי הפרישות נשאתם על זה אז דס פרישות האט זייער הארץ אויף דעם פר טראגין אז זייא זאלין זיך אזו איין האלטן פון די תענוגים אונ זאלן ווייניג עסין ועם העיון האמתי אבר אז מען וויל מיטן אמת בטראכטן זייער כוונה לא נשאם על זה האט דאס זייא דר צו מער ניט גיבראכט אלא רוב אהבתם בעולם נאר וויל זיי האבן ליב די וועלט וחריצותם להרבות מהונו אונ זייער טראכטן איז צו מערן פון דעם גוטס פון דר וועלט ואבלם על ריש נפשותם אונ זיינן בזארגט אז זייא זאלן ניט ארום ווערין ומעוט הסתפקותם אונ לאזין זיך ווייניג בנוגין במה שהגיע אליהם מיט דעם גוטס וואס זייא האבן גיקריגן אויף דר וועלט כלומר איין מאל האבן זיי מורא טאמר וועלן זיי נאך ארימר ווערן אונ ווידר וואלטן זייא גיגערן מער גיהאט דרום שיידן זייא זיך אפ פון די תענוגים ובכמוהם אמר החכם אונ פון אזו אגלייכן האט גיזאגט דר חכם שלמה המלך איש אשר יתן לו האלהים עושר ונכסים וכבוד אפט איז פר האנדן אמענטש וואס גאט האט אים גגעבן עשירות אונ גיטר אונ כבוד אונ האט אים די מאכט ניט גגעבן דר פון צו עסין. והכת השלישית אונ די דריטע כתה איז אנשים קצרה ידם אזעלכע לייט וואס האבן קיין מאכט ניט צו קריגן געלד ולא הגיעו מהון העולם אונ גרייכן ניט פון דעם גוטס פון דר וועלט אל מה שיזונם צו אזו פיל אז זיי זאלן זיך קאנן דר מיט שפייזן אלא על הצר שבענינים זייא פר דינן נאר ווייניג אז עס טראגט מער ניט אז זייא זאלן גישפייזט ווערן מיט גרוס דוחק וראו שיתכבדו אונ זייא זעהן אז זייא זאלן גיערליכט זיין זייא זאלן בלייבן ביי זייער כבוד ויסתפקו במה שנזדמן להם אונ לאזין זיך בנוגן מיט דעם שפייז וואס קומט זייא צו האנדן ולא יעמדו מעמד השאלה נאר זייא זאלן ניט קומן צו דעם מעמד לייען פון לייט וחלות הבקשה אונ צו דעם בזיון פון לייט צו בעטן זייא זאלן געבן אים צדקה וחסמו תאותם אונ האלטן איין זייער גילוסטיגקייט דורך דעם וואס זייא לייד תמיד הונגר והסתר במעט המלבוש אונ בקליידן זיך מיט גמייני מלבושים וויל זייער נויט ברענגט זייא דר צו ותלו כל זה אונ זייא זאגן אז זייא טוען דס אלץ פון פרומקייט וועגן דס זייא ווילן זיך אפ שיידן פון דר וועלט אונ דרום זאגן זייא עס אזו להשמר מפניהם וויל זיי ווילן זיך היטן פר די לייט אז זייא זאלן ניט וויסן אז זייא טוען עס מחמת ארומקייט ושלא יתבזו אונ זייא זאלן ניט מבוזה ווערן אז זייא ווערלין בעטן פון אנדרע ויהיו לחרפה בעולם אונ וועלן זיין צו אשאנד אויף דר וועלט. זאגט דר מחבר וכאשר תרצה לעמוד אונ אויב דו ווילסט וועלן רעכט פר שטיין אויף די וואס זאגן אויף זיך אז זיי שיידן זיך אפ פון דר וועלט ווערסטו וויסן אם הוא לתקנת תורתם אויב זיי טוען עס לשם שמים כדי זייא זאלן קאנן די תורה רעכט האלטן או לתקנת עולמם אדר אויב זייא טוען עס כדי זייא זאלן עפים דר פר גיניסן אויף דר וועלט אדר כדי

זייא

**בתנאים אשר בהם תשלם הפרישות אשר אני עתיד לזכרם ותעמוד על בירור מצפונם מכזבם בפרישות בעזרת השם יתברך:**

**פרק ד אבל תנאי הפרישות המיוחדת כאשר אמר קצת החסידים, הפרוש צהלתו בפניו ואבלו בלבו. לבו רחב מאד ונפשו שפלה מאד. איננו נוטר ולא חומד ולא מספר בגנות ולא מדבר מאדם. מואס בגדולה ושונא השררה. מיושב. זכרן. מודה. רב בשת. מעט נזק. אם ישחק לא ירבה ואם יכעס לא יתקצף. שחקו ריוח שפתים, ושאלתו ללמוד. חכמתו רבה וענותו גדולה. הסכמתו חזקה. לא ימהר ולא יסכל. מחלוקתו נאה ותשובתו**

## מרפא לנפש

ב"א: בתנאים בתנאים ר"ל כמו אותם התנאים הצריכין לפרושים המתחילים כמו שיתבאר בפ' שאחר זה אם יש בהם מדות הללו אז תדע אם הם פרושים באמת או אם מזויפים בפרישותם: בעזה"י קאי על אשר אני עתיד לזכרם בעזה"י:

פרק ד' אבל כו' הפרוש צהלתו בפניו ואבלו בלבו הוא ע"ד מה שכתוב בספר ראשית חכמה בשם מנורת המאור ז"ל צריך תלמיד חכם לשית דואג ומצטער בוכה ונאנח בלבו על עונות עצמו ועל חורבן בית המקדש ועל ישראל הנפוצים אלפים שעולה בלבו ויראה שמחה בפניו כדי שיקבל כל אדם בסבר פנים יפות ויהא לבו רחב להשיב לכל שואל על שאלתו עכ"ל. וכעין זה כתב בפ"ו משער מ"ס: לבו רחב מאד להבין ולהשכיל בכל דבר. למ"ס: ואם יכעס לא יתקצף יותר מדאי רק מעט כדי להטיל אימה על הנהגת או על ב"ב ותלמידיו: שחקו ריוח שפתים אינו ממלא שחוק פיו לא כאלו כשמשחקים הוא בכל אבריהם רק שפתיו נעות: הסכמתו חזקה למ"ס. כל מה שהוא מסכים עליו הוא דבר נכון וחזק להתקיים או פירושו מה שמסכימים לאחרים הוא חזק ומקיים אותו: לא ימהר כי מתון מתון ה' זוזי שוי' ואפי' שמהירות מרעם ולכן לא יסכל: מחלוקתו נאה פי' הנה תמיהתו שלא ירבה במחלוקת כמ"ש חז"ל (ביצה דף כ') מה זו שתיקה מה זו שתיקה ואמר אביי הלכך האי צורבא מרבנן דאמר ליה חבריה מלתא לא ניסדר ליה מלתא עד דמשלי דאמר ליה חבריה דאיתו אמר ליה מה זו שתיקה

זייא זאלן ניט מבוזה ווערין אויף דער וועלט בתנאים כו' מיט די תנאים וואס דורך זייא ווערט פאלקאממען דאס פרישות כלומר אויב עס איז אין זייא פאר האנדן די מדות וואס די רעכטע פרושים בדארפין האבין אשר אני עתיד לזכרם דאס זיינען די מדות וואס איך וועל ווייטער דר מאנין ותעמוד על בירור מצפונם וועסטו פר שטיין אויב זייער מחשבה איז גוט און קלאר גאר פון גאנטס הערצין אדער אויב זייא זיינן פאלש · און די תנאים וועל איך שרייבן בעזרת השם יתברך מיט די הילף פון גאט יתברך

ואבל תנאי הפרישות אבער די תנאים וואס געהערין צו דער פרישות המיוחדת וואס גייט אן די בזונדרע לייט זיינען כאשר אמר קצת החסידים ווייא איינער פון דיא חסידים האט גיזאגט הפרוש א פרומער מאן וואס ער איז אפ גישייד פון דער וועלט צהלתו בפניו איז דאס פרייליכקייט אין זיין פנים ואבלו בלבו און זיין טרויעריקייט איז אין זיין הארץ לבו רחב מאד זיין הארץ איז זייער ברייט ונפשו שפלה מאד און זיין גימיט איז זייער נידעריג איננו נוטר ער טראגט ניט נאך קיינעם קיין שנאה ולא חומד און גילוסט קיינעמס געלט ניט ולא מספר בגנות און דער ציילט ניט קיין שענדליכע זאך ולא מדבר מאדם און רעט ניט פון קיין שום מענטשן מואס בגדולה ער פאר אכטעט אין גרויס חשיבות ושונא השררה און האט פיינט דאס הערשאפט מיושב זכרן ער איז זייער מיושב און גידיינקט אלץ מודה רב בושת ער איז מודה אויף אמת און האט פיל בושה מעט נזק דיא וועלט האט פון אים ווייניג שאדין אם ישחק און ווען ער שמייכעלט שוין אמאל לא ירבה טוט ער ניט פיל לאכין ואם יכעס לא יתקצף און ווען ער איז שוין ברוגז טוט ער ניט צארענען דאס הייסט ער פיינט עם ניט ערינסט מיט ארעכטין כעס שחקו ריוח שפתים זיין גילעכטער איז נאר וואס ער עפינט אביסיל דיא לעפצין און לאכט ניט מיטין פולין מויל ושאלתו ללמוד און זיין פרעגין איז נאר אויף צו לערנען און ער פרעגט ניט דעם אנדערן דיא זאך וואס ער אליין ווייס עס נאר צו ווייזין דעם אנדערן אז ער קאן ניט · אדער אזו איז דער פשט (ושאלתו ללמוד) און זיין בעטונג וואס ער בעט פון לייט איז נאר אויף צו לערנען דאס הייסט קיין שום זאך בעט ער פון קיינעם ניט און לאזט זיך באנוגן מיט דעם וואס ער האט נאר אז ער זאל מיט אים לערנען חכמתו רבה זיין חכמה איז פיל וענותו גדולה און זיין דעמוטיגקייט איז גרויס · הסכמתו חזקה וואס ער זאגט איינם צו איז דאס שטארק מען מעג זיך סומך זיין אויף אים לא ימהר ער איז ניט גישווינד אין קיין שום זאך ולא יסכל און דרום טוט ער זיך קיין מאל ניט באנארישין מחלוקתו נאה ווען ער שטרייט איין מאל מיט איינעם רעט ער ניט קיין שענדליכע רייד ותשובתו נכברת און זיין ענטפער איז גיערליכט ער ענטפערט איטליכן מיט כבוד וצדיק

און

נבבדת . צדיק אם יכעוס. חומל אם יבוקש . ידידותו זכה ואסורו חזק ובריתו נאמנה . רוצה בדין הבורא . מושל ביצרו . לא ידבר עתק על מי שיזיקהו . ולא יתעסק במה שלא יועילהו. לא יתנקם לאיד ולא יזכור לאדם רעה. משאו קל ועזרתו רבה. הודאתו רבה בעת הרעה וסבלו ארוך בעת הנזק . אם ישאלו ממנו יתן ואם יחטאו אותו ימחול . ואם ימנעו ממנו יתנדב ואם ירחיקוהו יקרב . רך מחמאה ומתוק מדבש . מצוה על האמת . דובר צדק . עוזב מאויו . מצפה ליומו . אומר ועושה . חכם. זריז . נפשו יקרה , ובריתו נאה . גבור (ס"א נדר) בארץ . נצול מכל גנות . עוזר לדל ותשועה לעשוק . לא יחשוף מסתור ולא יגלה סוד . צרותיו רבות ותלונתו מעוטה . כשיראה טוב יזכרנו ואם יראה רע יכסנו . רצוי חן . חברתו שמחה .

מרפא לנפש

וקא מסדר ליה מה זו שתיקה עכ"ל : אם יבקש כו' אפשר דקאי אדלעיל אף אם יכעס על אדם ואם יבקש ממנו אותו אדם למחול לו או שום דבר הומל עליו או סירובו אם יבקש ממנו אדם דבר אזי ידידותו זכה . ע"כ למ"ב : ואסורו חזק מה שאסר על נפשו הוא חזק סקיום אצלו : עתק דבר חזק או סרה כמו יצא עתק מפיכם כפירש"י : לא יתנקם לאיד אינו שמח ומתנקם באידו של מנו ו על דרך בנפול אויבך אל תשמח : משאו קל אינו מטריח ומכביד עצמו על ב"א : הודאתו רבה כו' על דרך שאמרו חז"ל חייב אדם לברך על הרעה כשמחה כשם שמברך על הטובה : ואם ימנעו ממנו מה שהיו חייבים לתת לו אע"פ כן יתנדב הוא ועושה טוב לכל אדם : מצפה ליומו ליום בא קצו ואחריתו למ"ם . או מצפה ליומו אינו דואג אם כשעה רק מנפש עד עת בא שעתו שאין לך אדם כו' : גבור בארץ לפי שדרך בעלי כחות שמתעלמים תמיד זה על זה להשגם פאותם פעם מגלה ופעם ינולה והפ: זה אינו מתעלם עם זולתו רק על דבר אמת ועמו לדק ובודאי ינלה הוא את זולתו כי קושבת קאי ולכן הוא מתפרסם בעולם לגבור נולח : לא יחשוף מסתור אינו מגלה סוד וסרבה עניים קפולים כנאן כדרך

און ער איז זיך נוהג מיט גירעכטיקייט אם יכעס און אז ער איז שוין ברוגז אויף איינעם חומל דר בארעמט ער זיך פארט אויף אים אם יבקש. אז אמענטש בעט פון אים עפעס איין זאך ידידותו זכה איז זיין פריינדשאפט לויטער דאס הייסט ער גיט עס אים מיט איין גרויס פריינדשאפט ואסורו און דאס וואס ער אסרת אויף זיך חזק האלט ער עס שטארק און איז ניט עובר ובריתו נאמנה און זיין בריתות ברית וואס ער מאכט מיט איינעם איז ווארהאפטיג און געטרייא רוצה בדין הבורא ער איז צו פרידן מיט דער גזירה פון דעם באשעפער און טראכט ניט נאך זיינע מדות מושל ביצרו ער געוועלטיגט איבער זיין יצר הרע לא ידבר עתק כו' ער רעדט ניט קיין שטארקע רייד קעגן דעם וואס האט אים שאדין גיטאן ולא יתעסק במה שלא יועילהו און איז ניט עוסק אין אזעלכע זאכן וואס קומען אים ניט צו נוץ לא יתנקם לאיד ער איז זיך ניט נוקם ווען איין ברעכעניש און איין צרה קומט אויף זיין שונא ולא יזכור לאדם רעה און ער גידיינקט ניט קיין מענטשין דאס בייז וואס ער האט אים גיטאן משאו קל זיין לאסט איז גרינג ער איז ניט מטריח קיין מענטשן און מאכט זיך ניט שווער אויף מענטשן זייא זאלין אים בדינען ועזרתו רבה און זיין הילף איז פיל הודאתו רבה בעת הרעה ווען עס קומט אויף אים עפיס בייז לויבט ער און דאנקט השם יתברך זייער פיל דער פאר אזוי וויא ער לויבט און דאנקט אים אז עס קומט אויף אים גוטס וסבלו ארוך און אין דער צייט אז עס קומט אים אשאדין איז זיין געדולט לאנג און נעמט עס אלץ אן באהבה אם ישאלו ממנו יתן ווען מען בעט עפיס פון אים טוט ער געבין ואם יחטאו אותו ימחול און ווען מען ברויגט אים טוט ער מוחל זיין ואם ימנעו ממנו און אז זייא פאר מיידין פון צו געבין אים וואס זייא זיינן אים שולדיג פון דעסט וועגן יתנדב טוט ער פארט באוויליגט זיין צו טאן גוטס צו אלע מענטשן ואם ירחיקוהו און ווען אפילו אנאנדרר טוט אים דר ווייטערן יקרב גינעהענט ער זיך פארט צו אים און בווייזט אים פריינטשאפט רך מחמאה ער איז ווייכער פר פוטער ומתוק מדבש און זיסער פר האניק מצוה על האמת ער גיבוט אויף דיא ווארהייט דאס איטליכר זאל זיך פירן מיט אמת דובר צדק ער רעדט גירעכטיקייט עוזב מאויו ער פאר לאזט זיין גילוסטיקייט מצפה ליומו ער האפט אויף זיין לעצטין טאג אומר ועושה וואס ער זאגט צו דאס טוט ער חכם זריז ער איז אחכם און פלייסיג נפשו יקרה זיין נפש איז טייער ביי אים אז זיין גוף ובריתו נאה און ווס ער איז כורת ברית מיט איינם איז דם אויף אשיינע זאך גבור בארץ ער איז אשטארקר אויף דר ערד ווארום ער לויפט ניט נאך קיין שום תאוה ווערט ער קיין מאל ניט איבר גישטארקט פון קיין שום מענטשן (עיין בפירוש) נצול מכל גנות ער איז בשירמעט פון אלע שענדליכע זאכן עוזרה לדל ער איז איין הילף צו איין ארומאן ותשועה לשוק און איז איין הילף צו דעם וואס ווערט גירובט לא יחשוף מסתור ער אנטפלעקט ניט קיין פאר בארגענע זאך ולא יגלה סוד און איז ניט מגלה קיין

סוד

הרחקתו אנחה. זקקתהו החכמה, ויפתהו הענוה. מזכיר למשכיל. מלמד לסכל. כל מעשה אצלו זך ממעשהו וכל נפש בעיניו יותר ברה מנפשו. יודע את מומו. זוכר את עונו. אוהב האלהים. רודף רצונו. לא ינקם לנפשו ולא יתמיד בקצפו. חבר למזכירים. יושב עם העניים. אוהב לאנשי הצדק. נאמן לאנשי אמת. עוזר לרש. אב ליתום. בעל לאלמנה. מכבד הדלים. ומתנאיה עוד קבלת כל חובות הלבבות אשר זכרנו ממה שקדם בספר הזה ואינני צריך לשנותם שלא יארכו לנו הדברים בשער הזה, ואתה דע לך:

פרק ה אבל מה שיאות לתורתנו מהפרישות אומר בתשובת השאלה הזאת, כי הפרישות הנוהגת בתורתנו על ג' פנים. אחד מהם בעסקנו עם בני אדם והתחברותנו עמהם, והשני במה שאנו מתיחדים בו זולתם בחושינו הגופיים ואברינו הנראים, והג' במה שאנו מתיחדים בו במצפונינו ובמדותינו ובמחשבותינו והצפון בלבותינו מן הרעיונים

מרפא לנפש

סמלוס: כל מעשה אצלו זך ממעשהו כו' סוף ע"ד שכתב לעיל פ"י מסער הכיעס שאמר החכם שלא פגע שום אדם שלא יהיה לו מעלה עליו ע"ש: חבר למזכירים את ה' או לכל מי שמזכיר אותו לעבודת ה':

סוד צרותיו רבות און ווען זיינע צרות זיינען פיל ותלונתו מעופות איז זיין בעקלאגן זיך ווייניג כשיראת טוב. אז ער זעהט גוטס יזכרנו טוט ער עס גידיינקען ואם יראה רע און ווען ער זעהט עפיס בייז יכסנו טוט ער עס בדעקין רצוי ער איז איטליכן באוויליגט חברתו שמחה זיין גיזעלשאפט איז איין פרייד הרחקתו אנחה זיין דר ווייטערונג איז זיפצין דאס ער איז אזו גיליבט ביא לייט אז דער וואס דער ווייטערט זיך פון אים טוט זיפצין זקקתהו החכמה די חכמה האט אים איבר גילייטערט אז ער איז ריין פון אלע שלעכטע מדות ויפתתו הענוה און דאס דעמוטיקייט האט אים איבער גירעט מזכיר למשכיל ער דר מאנט צום קלוגין מענטשין אז ער זאל גוטס טאן מלמד לסכל און דעם נאר לערינט ער וואס ער זאל טאן כל מעשה אצלו זך ממעשהו אלע ווערקן וואס אנאנדרער טוט איז ביא אים קלערער פון זיינע מעשים דאס ער רעט זיך איין אז איטליכער איז בעסר פאר אים וכל נפש און אלע ווילין זיינען ביי אים אין די אויגן קלערער פון זיין וויל כלומר אלע מענטשין זיינען אין זיינע אויגן בעסר אז ער יודע את מומו ער וויים זיינע חסרונות זוכר את עונו ער גידיינקט זיינע זינד אוהב האלהים ער האט ליב גאט רודף רצונו ער יאגט נאך צו טאן וואס זיין ווילן איז לא יקום לנפשו ער איז זיך ניט נוקם פון זיינט ווענין ולא יתמיד בקצפו און זיין צארין גיווערט ניט לאנג חבר למזכירים ער איז אחבר צו דיא וואס דער מאנען אים נאמן צו דינען יושב עם העניים ער זעצט זיך ביא דיא ארומע לייט אוהב לאנשי הצדק ער האט ליב דיא גירעכטע לייט נאמן לאנשי אמת ער איז גיטרייא צו די לייט וואס גייען מיט אמת עוזר לרש ער העלפט דעם ארומאן אב ליתום ער איז וויא אפאטער צו איתום מכבד הדלים ער האלט ערליך דיא ארומע לייט · ומתנאיה עוד און פון די תנאים וואס גיהערין נאך צו דעם פרישות קבלת חובות הלבבות ער זאל אויף זיך נעמן צו טאן אלע מצות וואס מען בדארף זיי טאן מיטין הארצן אשר זכרנו במה שקדם כו' וואס מיר האבין דר מאנט אויבן אין דעם ספר און איך בדארף זיא נאך אמאל ניט צו שרייבין שלא יארכו לנו הדברים כו' כדיי די רייד זאלין אונז ניט צו לאנג זיין און דער שער זאל ניט זייער גרוים זיין ואתה דע לך און דו זאלסט וויסין און פר שטיין דאס אלץ וואס איך האב דא גישריבין:

אבל מה שיאות לתורתנו מהפרישות אבר וואס די אפ שיידונג קומט צו גיין צו דער תורה און וויא אזו דיא אפ שיידונג זאל זיין נאך דעם וועג פון דער תורה אומר בתשובת השאלה הזאת וועל איך ענטפערין אויף דר שאלה כי הפרישות הנוהגת בתורתנו דען דאס פרומקייט וואס מוז גיברויכט ווערן נאך אונזר תורה נאך על ג' פנים דאס איז אויף דרייא ערליי אופנים אחד מהם איינס פון זייא איז בעסקנו עם בני אדם אז מיר האנדלען מיט די לייט והתחברותנו עמהם און אז מיר בהעפטין זיך מיט זייא והשני און דס אנדרע איז במה שאנו מתיחדים בו וואס גייט אן אונז אליין אן די אנדרע מענטשן דהיינו ווען מיר זיינען זיך מתעסק בחושינו הגופיים מיט אונזרע לייבליכע חושים און מיט אונזערע גיזעהענע איברים והשלישי און דאס דריטע איז במה שאנו מתיחדים בו וואס מיר אליין טוען נאר מיט אונזערע גידאנקן ובמדותינו ובמחשבותינו און אין אונזערע מדות און מחשבות והצפון בלבותינו און

וואס

הטובים והרעים. ואני מבאר כל זה בדרך קצרה כפי יכלתי בעז"ה. אבל דרך הפרישות הראוי לנו בהתחברותנו עם בני אדם, מהם הסברת פנים והראות השמחה בפגיעתם עם הכניעה והשפלות ולשון רכה ורוח נמוכה לכולם, ומהם הרחמים והחנינה והחמלה עליהם עם הסרת הטורח מעליהם וזכרם בטוב ועשות חסד עמהם ושלא נקוה ליהנות מהם ושנתיאש מאשר בידיהם, ומהם עזרתם בתקנת תורתם ועולמם והורותם הדרך אשר ירצהו האלהים, ומהם שנסבול קושי דבריהם ושנשפוך שיחנו לפני האלהים ולא לפניהם והמנע ממושבות המאכל והמשתה והשחוק עם השמירה מכל מה שיביא להמרות האל בחברתם ויוצא מגבול הצניעות ומסורת המוסר והדומה לזה. אך מה שראוי לנו מן הפרישות בפנים השנים המתיחדים בנו בחושינו הנראים יחלק לשני חלקים, אחד מהם אסור לנו והם מצות לא תעשה והשני מותר לנו, והוא כל מה שהותר לנו מכל מיני ההנאות המותרות, וכל חלק מהם יחלק לשלשה חלקים, והוא שכל מה שנאסר לנו איננו נמלט מאחד משלשה דברים, או

מרפא לנפש

פרק ה אבל מה שיאות מה שלאו ונכון להורפנו להתנהג כשריטום : זולתם זולת בני אדם : ושנתיאש מאשר בידיהם

וואס עס איז פאר בארגין אין אונזערע הערצער מן הרעיונים הטובים והרעים פון גוטע גידאנקן אדר פון בייזע · זאגט דער מחבר ואני מבאר כל זה אונ איך וועל דאס אלץ בשיידן בדרך קצרה אין איין קורצין דרך כפי יכלתי אזו ווייט וויא מיין יכולת גרייכט וועל איך דאס אלץ בשיידן בעז"ה מיט גאטס הילף אבל דרך הפרישות אבער דער דרך פון פרומקייט וואס איז ראוי צו אונז בהתחברותנו עם בני אדם אז מיר בהעפטין זיך מיט לייט מהם פון די פרומקייט איז הסברת פנים דס איז איין פריינדליך פנים אונ שמחה צו ווייזין אז מען בגעגנט זיי דאס הייסט אז מען רעדט אדר מען האנדילט מיט זייא עם הכניעה והשפלות מיט אונטער טעניקייט אונ נידעריקייט ולשון רכה אונ מיט אוייך לשון אונ איין נידריג גימיט זאל ער דאס אלץ טאן צו אלע · ומהם אונ פון דעם פרומקייט איז נאך פאר האנדין הרחמים והחנינה ער זאל מיט זיי ברוכן דר בארימקייט אונ לייט זעליקייט עם הסרת הטורח אונ נאך מיט דעם ער זאל אפ טאן זיין טירחא פון זיי דאס ער זאל זיי ניט מטריח זיין אויף קיין שום זאך וזכרם בטוב אונ זאל זיי דר מאנן אונ גידיינקן צו גוטין ועשות חסד עמהם אונ חסד מיט זיי צו טאן ושלא נקוה אונ מען זאל ניט האפן פון זיי הנאה צו האבין ושנתיאש אונ מען זאל זיך מייאש זיין פון דעם וואס זייא האבין זייער אייגנם · ומהם אונ פון זיי איז עזרתם בתקנת תורתם מען זאל זיי העלפין אין זאכין וואס קומט צו ניץ צו זייער תורה אונ צו זייער עולם והורותם הדרך אונ מען זאל זיי לערנען דעם וועג וואס גאט וויל האבען ומהם שנסבול כו' אויך זאל מען ליידין הארטע רייד ושנשפוך שיחנו לפני האלהים אונ אז מיר בדארפין עפעס זאלין מיר אונזר גיבעט אוים גיסין פאר גאט ולא לפניהם אונ ניט פאר לייט והמנע ממושבות המאכל כו' אונ מען זאל זיך פר מיידין צו זיצין מיט די חברותות וואס עסין אונ טרינקן אונ לאכין אדר שפילין עם השמירה אונ זאל זיך היטין פון אלעמען וואס קאנן אים ברייגען ער זאל גאט דר צארענען בחברתם דורך זייער בהעפטונג באלד אז ער פר שטייט נאר אז ער וועט זיך בהעפטין מיט זיי וועלין זייא אים ברייגען ער זאל גאט דער צארענען ויצא מגבול הצניעות אונ וועט ארוים גיין אוים דעם גבול פון צניעות ומסורת המוסר אונ פון דעם וועג פון דרך ארץ והדומה לזה אונ נאך זעלכע גלייכין זאל ער זיך צו זיי ניט באהעפטין אך מה שראוי לנו מן הפרישות כו' אבער דם פרומקייט וואס עס איז אונז ראוי צו טאן פון דעם אנדערן אופן המתיחדים בנו כו' דם וואס גייט אן אונז אליין דורך אונזערע גיזעהענע חושים יחלק לשני חלקים דאס ווערט גיטיילט אין צוויי חלקים אחד מהם אסור לנו איינם פון זייא איז אסור צו אונז והם מצות לא תעשה אונ דאס זיינען דיא מצות לא תעשה דאס הייסט וואס גאט האט פר באטין אז מען טאר זיי ניט טאן והשני מותר לנו אונ דאס אנדערע איז וואס איז מותר צו אונז והוא כל מה שהותר לנו כו' אונ דאס איז פיל ערלייא איבעריגע הנאות וואס אין מותר צו אונז וכל חלק מהם כו' אונ איטליכעם טייל פון דיא צוויי חלקים ווערט גיטיילט אויף דריי חלקים והוא אונ דם מוז מען פר שטיין שכל מה שנאסר לנו אז אלץ וואס איז צו אונז אסור גיווארין איננו נמלט דאס קאן ניט פעלין פון איינם פון

שיהיה בטבע הכוסף לו כזנות והגזל ולהרבות מן המאכל והמשתה האסור לנו או שיהיה ממה שלא ישנאהו הטבע ולא יכסוף לו כלבוש בגד שעטנז והרכבת כלאים ואכילת בשר בחלב ואכילת חלב והרבה מהדומה לזה, או שיהיה ממה שישנאהו הטבע ותתעבהו הנפש כאכילת הנבלה והמתה והדם והרבה ממיני החיים אשר לא היו, האדם חפץ באכילתם אפילו אם היו מותרים באכילה כשמונה שרצים והדומה להם. וראוי לך אחי שתיסר נפשך בפרישות מכל מה שצוך האלהים לפרוש ממנו עד שתגיע מן התעוב והמאוס במיני התענוגים המנועים והתאות עד תכלית שיהיה שוה לזה בטבעך המתועב מן האסור עם מה שנכספין לו ממנו. ויהיה אצלך המשגל האסור ולקיחת איסור על פנים אסורים ושתתכבד בקלון חברך וגנותו אשר ימהר אליהם חפץ האדם בטבעו כאכילת העכבר והדם והשקץ אשר יתעבהו טבעך ותשנאהו נפשך וכשתגיע אל הגבול הזה מן הפרישות מן האיסור בלא הכרת מטבעך ולא קושי מנפשך תהיה מן הכתות הניצלות

## מרפא לנפש

אלא יתאוה מה שיש בידיהם לזכות מהם: הנבלה והמתה הם שמות נרדפים כמו משפטי ודיני. עדי וסהדי. או נבילה שנתנבלה בשחיטה או בטריפה והמתה שמתה מעצמה. למ"ס: ולקיחות איסור על פנים אסורים למ"ס. לאפוקי לקיחה אלא על פנים אסורים כגון שמחלל שבת כדי לפקח נפש וכיוצא בזה בעבירה לשמה כגון יעל עם סיסרא ואליהו בהר הכרמל עכ"ל. ודבר פשוט הוא מאי קמ"ל ואפשר לומר שערוב דברים ומסורסים יש כאן ועל פנים אסורים קאי על האכילת העכבר וכאלו אמר ויהיה אצלך המשגל האסור ולקיחת ממון האיסור ושתתכבד כו' על פנים אסורים כאכילת העכבר כו' כנ"ל וה"ר גרס ולקיחת ממון על פנים אסורים: וכשתגיע אל הגבול הזה כו' בלא הכרת מטבעך כו' פי' שהוא מתהלך נגד טבעו:

דיא דריי זאכן או שיהיה בטבע ענטפער דאס איז אזוי וואס דיא טבע גילוסט דער צו כזנות והגזל גלייך אז זנות אונ גזל ולהרבות מן המאכל כו' אונ צו פיל צו עסן אונ טרינקן דאס וואס איז אסור צו אונז או שיהיה ממה שלא כו' אדער עס איז פון אזו אזוי וואס די טבע האט עס ניט פיינט ולא יכסוף לו אונ גילוסט דער צו אויך ניט כלבוש בגד שעטנז גלייך אז אן קליידן זיך מיט אקלייד פון שעטנז והרכבת כלאים אונ כלאים צו פלאנצן אדער כלאים פון בהמות ביי אנאנדער צו ברייגגן ואכילת בשר בחלב אונ פלייש מיט מילך צו עסן ואכילת חלב אונ חלב צו עסן והרבה מהדומה לזה אונ נאך מער פיל זאכן אזו אנגלייכן או שיהיה ממה שישנאהו אדר עס טוט זיין זעלבע זאכן וואס דיא טבע האט עס פיינט ותתעבהו הנפש אונ זיין לייב טוט אום ווירדיגן כאכילת הנבלה גלייך אז צו עסן איין נבלה וואס דס איז גיהרגת גיווארין אן שחיטה והמתה אדר אבהמה וואס זיא איז אליין גיפאלן והדם אדר בלוט צו עסן והרבה ממיני החיים אונ פיל מינים פון די לעבעדיגע בשעפעניש אשר לא היה האדם כו' וואס דר מענטש וואלט זיא ניט גיוואלט עסן אפילו אם היו מותרים ווען מען וואלט זייא אפילו גימעגט עסן כשמונה שרצים גלייך ווי דיא אכט ערליי שרצים וואס דיא תורה האט זייא גיאסרת אונ נאך זעלבע גלייכן וואלט זיי דער מענטש ניט גיגעסן ווען זיי זאלן אפילו מותר זיין צו עסן וראוי לך אחי. אונ דו געהערסט דיך מיין ברודער צו גיוואוגען אפ צו שיידן מכל מה שצוך האלהים פון אלעמן וואס גאט האט דיר גיבאטן דו זאלסט זיך דער פון אפ שיידן עד שתגיע מן התעוב כו' ביז דו זאלסט גרייכן אז דו זאלסט פר אום ווירדיגן אונ פר מיאוסן זעלבע תענוגים וואס זיינען דיר פר מיטן דאס הייסט וואס דו טארסט זיי ניט נאך גיין והתאוות האסורות אונ זעלבע תאוות וואס זיינען אסור זאלסטו זיי פר מיאוסן עד תכלית ביז דעם ענד · כלומר אזו מיאוס וואס עס קאן שוין מיאוסער ניט זיין שיהיה שוה לזה בטבעך עס זאל ביי דיר אין דיין טבע גלייך זיין זעלבע איסור זאכן וואס זיינען אום ווירדיג אונ מיאוס עם מה שנכספין לו ממנו מיט זעלבע זאכן וואס דיא טבע גילוסט דר צו ויהיה אצלך כו' אונ עס זאל בייא דיר גלייך זיין צו נעמען אזו איין אשה וואס זיא איז אסור צו דיר ולקיחת איסור אונ צו טאן איין איסור דענסטמאל אז מען טאר אים ניט טאן ווארום אפט מעג מען איין איסור טאן פון פקוח נפש וועגן ושתתכבד בקלון חבירך אדר זיך צו ערליכן מיט דיין חברס שאנד אונ זיין גנאי אשר ימהר אליהם כו' וואס דעם מענטשינס טבע איז צו גילוסטן צו די זאכן זאל ביי דיר דאס אלץ מיאוס זיין כאכילת העכבר והדם וויא צו עסן איין עכבר אדר בלוט אשר יתעבהו טבעך וואס דיין טבע פר אום ווירדיגט דם ותשנאהו נפשך אונ דיין לייב האט עס פיינט איז דאך דם ביי דיר בוודאי מיאוס אזו זאל ביי דיר מיאוס זיין די אסורע זאכן ווס די טבע גילוסט דר צו וכשתגיע

מען געלד ולא תצא בה כו' אונ דו זאלסט ניט ארוס גיין מיט דעם פרישות פון דעם גבול וואס די תורה האט געמאכט שתתענה בשבתות ובמועדים דהיינו דו זאלסט פאסטין אם שבת אונ יום טוב אונ ראש חודש ותמנע אונ ועסט דיך וועלן פר מיידן ממה שחייבך בו הבורא פון דעם וואס דער באשעפר האט דיך מחייב געוועזן אז דו זאלסט עס טאן ממצות פריה ורביה גלייך אז דיא מצוה פון פריה ורביה וועסטו דס ניט וועלן האלטן מחמת דיין פרומקייט זאלסטו אזו ניט טאן אבל תהיה פרישותך נאר דיין אפ שיידונג פון דער וועלט זאל זיין על דרך התורה והדת אויף דעם וועג וואס די תורה האט געהייסן בגלוי ובנסתר אין דיינע אנטפלעקטע אונ פארבארגענע זאכען ואח"כ אונ דר נאך זאלסטו טראכטין שתקצר מאויך בעולם אז דו זאלסט פר קירצין דיין גלוסטיקייט אין דער וועלט דאס דו זאלסט ניט פיל פר לאנגען אויף דר וועלט כאילו אתה נוסע כו' גלייך וויא דו בדארפסט אין אבינט פון דעם טאג אוועק ציהן פון דר וועלט ואח"כ שתחשוב כו' אונ דער נאך זאלסטו חשבון האלטן מיט דיין נפש כאשר הקדמנו בשער כו' וויא מיר האבן אויבן גזאגט אין דעם (שער חשבון הנפש) וויא דר מענטש זאל חשבון האלטן מיט זיך אליין ואחר כך שתתיאש כו' אונ דר נאך זאלסטו זעהן אז דו זאלסט קיין אנדרינס גוטס ניט בגערין ושתבטח על האלהים אונ זאלסט זיך פר לאזן אויף גאט ותנוח דעתך על גזרותיו אונ זאלסט צו פרידן זיין מיט זיינע גזירות אונ זיינע דינים וואס גאט שיקט דיר צו סייא גוטס אונ סיי בייז זאלסטו דס אן נעמן באהבה וכל חובות הלבבות אונ אלע די שולדיקייט פון די הערצר וואס זיינן בשייד גוואורין אויבן אין דעם ספר אתה חייב בהם ביסטו חייב צו האלטן זייא והם עמוד הפרישות מן העולם אונ זייא זיינן דער שורש אונ דר גרונד פון די אפ שיידונג פון דער וועלט חקור עליהם פארשט זייא נאך והדביקם אל לבך אונ בהעפט זייא צו דיין הארץ תגיע בהם לכל טובה דען וועסטו דורך זיי קומן צו אלעם גוטין:

אבל באור אבער דאס ערקלערונג מה שבא בספרי הקודש וויא עס שטייט אין די הייליגע ספרים ודברי רז"ל אונ אין די רייד פון אונזערע חכמים ז"ל ענין הפרישות מן העולם פון דעם ענין פון אפ שיידונג פון דר וועלט מהם פון זייא איז מה שאמר יעקב וואס יעקב אבינו האט גזאגט ונתן לי לחם לאכול אונ ער וועט מיר געבן ברויט צו עסין ובגד ללבוש אונ איין קלייד אן צו קליידן האט ער מער ניט פר לאנגט נאר זעלבים וואס מען קאן זיך אן דעם ניט באגיין ומהם אונ פון זייא איז אויך צום משה ארבעים יום כו' וואס משה רבינו האט גיפאסט דרייא מאל פערציג טעג מיט די נעכט דאס הייסט דרייא מאל פערציג מעת לעת וכן אליהו ארבעים יום אונ אזו אויך אליהו הנביא האט גיפאסט פערציג טעג אזו וויא עס שטייט אין מלכים וילך בכח האכילה ההיא ארבעים יום אונ ער איז גנאנגין פערציג טעג דורך דעם קראפט פון דעם דאזיגין עסין ומהם אונ פון זייא איז אויך כלומר אונ נאך איין גידרונגן אז מען גיהער זיך אפ שיידן פון וועלטליכע זאכן מה שנאמר בנזיר פון דעם וואס איז גזאגט גווארין ביים א נזיר שקראו האלהים קדוש וואס גאט האט אים גרופן אז ער איז איין הייליגר

וויא

# שער הפרישות

כל ימי נזרו קדוש הוא לה' בעבור שפסק מפרי הגפן וגדל שער ראשו בלבד כ"ש מי שפסקה תאותו מכל התענוגים שיש לו שכר וגמול יותר. ומהם מה שנאמר לאהרן (ויקרא י) יין ושכר אל תשת וגו' ולהבדיל וגו' ולהורות וגו' הזהיר כל העוסק במעשה העבודה שלא יעסוק בכל מה שיטרידהו מהשלמת העבודה לאלהים כמו שאמרו רבותינו ז"ל שתה רביעית יין אל יורה שתה רביעית אל יתפלל. ומהם ענין בני יונדב בן רכב אשר צום אביהם שלא ישתו יין ולא יזרעו ולא יטעו כרם ולא יבנו בית וישבו באהלים חוץ לישוב וזה מנהג הפורשים מן העולם ושבח להם הבורא זה כמ"ש (ירמיה לה) לא יכרת איש ליונדב בן רכב. ומהם מעשה אלישע כשעבר עליו אליהו כמ"ש (מלכים א יט) שנים עשר צמדים לפניו והניח ידו מן הכל והלך אחריו כמ"ש (שם) אשקה נא לאבי ולאמי וגו' וילך אחרי אליהו וישרתהו. וכן היה מנהג בני הנביאים בדור ההוא ואשר לפניו שהניחו העסק בישוב העולם וההשגחה בעניני הגופות ויצאו למדברות כדי שתתיחד נפשם ומחשבתם לאלהים.

וויא עס שטייט אין במדבר כל ימי נזרו קדוש הוא לה' אַלע טעג פון זיין נזירות איז ער הייליג פאַר גאָט בעבור שפסק מפרי הגפן פון וועגן דעם אַליין וואָס ער האָט זיך נאָר אָפּ געשייר פון די פּירות פון דעם ווייַן שטאָק וגדל שער ראשו בלבד אונ האָט זיך נאָר געלאָזט וואַקסן די האָר פון זיין קאָפּ האָט אים דער פאַר גאָט אָן גירופן אַז ער איז הייליג כל שכן איז שוין אַבּל שכן מי שפסקה תאותו דער וואָס האָט פאַר לאָזט זיין גלוסטיקייט פון אַלע תענוגים איז שוין אַפּשיטא שיש לו שכר וגמול יותר אַז ער האָט נאָך מער שכר ומהם מה שנאמר לאהרן אונ נאָך געפינען מיר וואָס גאָט האָט גזאָגט צו אהרן הכהן יין ושכר אל תשת דו זאָלסט קיין גייען וויין אָדער אַלטין וויין ניט טרינקען ולהבדיל וגו' דאָס ער זאָל קאָנען צווישן שיידן צווישן הייליג אונ צווישן אום הייליג הזהיר האָט גאָט אָן גזאָגט כל העוסק במעשה העבודה אַז דער וואָס איז זיך מתעסק אין זיין דינסט שלא יעסוק בכל מה שיטרידהו דער זאָל ניט עוסק זיין מיט קיין שום זאַך וואָס קאָן אים פאַר הינדערן מהשלמת העבודה לאלהים פון צו טאָן אין גאַנצין די דינסט פון גאָט וויא אונזערע חכמים האָבן גזאָגט שתה רביעית יין אל יורה דער וואָס האָט גיטרונקן וויין איין פערטל חלק פון איין לוג דער זאָל ניט פּסקענען קיין שאלה וואָרום ער קאָן זיא שוין ניט רעכט אויס קלערין שתה רביעית אַז ער האָט גיטרונקען אַפערטיל לוג וויין אל יתפלל זאָל ער ניט טאָן קיין תפלה ומהם ענין בני יונדב בן רכב אונ אויך גיפינט מען ביי די קינדער פון יונדב בן רכב אשר צום אביהם וואָס זייער פאָטער האָט זייא גיבאָטן אַז זייא זאָלן ניט טרינקען קיין וויין ולא יזרעו ולא יטעו כרם אונ זאָלן ניט זייען קיין תבואה אונ זאָלן ניט פלאַנצן קיין וויין גאָרטן ולא יבנו בית אונ זאָלן ניט בויען קיין הויז וישבו באהלים חוץ לישוב אונ זאָלן וואוינען אין גיצעלטין דאָרטן וואו קיין מענטשן וואוינען ניט וזה מנהג הפורשים מן העולם אונ דאָס איז דער מנהג פון די וואָס שיידן זיך אָפּ פון דער וועלט ושבח להם הבורא זה אונ דער באַשעפער האָט זייא דרום גילויבט וויא עס שטייט אין ירמיה לא יכרת איש ליונדב בן רכב עס וועט ניט פאַר שניטן ווערן קיין מאַן פון יונדב בן רכב ומהם מעשה אלישע אונ אויך געפינט מען ביי דעם וואָס אלישע הנביא האָט גיטאָן כשעבר עליו אליהו אַז אליהו איז פאַר אים פאַר ביי גיגאַנגען שטייט אין מלכים שנים עשר צמדים לפניו עס זיינען גיוועזן צוועלף פאַר אָקסין פאַר אים אונ האָבן גיאַקערט והניח ידו מן הכל אונ ער האָט דאָס אַלץ שטיין גלאָזט והלך אחריו אונ איז נאָך גיגאַנגען נאָך אליהו אַזוי וויא ער האָט גזאָגט צו אליהו אשקה נא לאבי ולאמי איך וועל נאָר קושן צו מיין פאָטער אונ מוטער אונ דער נאָך וועל איך מיט דיר גיין. שטייט ווייטער וילך אחרי אליהו וישרתהו אונ ער איז נאָך גיגאַנגען נאָך אליהו אונ האָט אים באַדינט וכן היה מנהג בני הנביאים אונ אַזוי אויך איז גיוועזן דער מנהג פון די נביאים וואָס זיינען גיוועזן אין דעם זעלביגן דור ואשר לפניו אונ די נביאים וואָס זיינען גיוועזן פאַר דעם דור שהניחו העסק בישוב העולם דאָס זייא האָבן ניט עוסק גיוועזן אין דעם וואָס געהער צו דער וועלט וההשגחה בעניני הגופות אונ די השגחה אויף די זאַכן וואָס דער גוף באַדאַרף האָבן זייא שטיין גילאָזין אונ האָבן דרויף ניט גיטראַכט ויצאו למדברות אונ זיינען אַרויס גיגאַנגען אין די מדבריות אַריין כדי שתתיחד נפשם כדי זיי זאָלן קאָנען מיחד זיין זייערע לייבער אונ זייערע מחשבות צו גאָט אַליין ומהם אונ נאָך איז גידרונגען פון דער תורה אַז מען געהער זיך אָפּ צוא שיידן פון די

יועלטליבע

ומהם מה שצותה אותנו התורה בתענית בעת התשובה ובקשת הכפרה כדי שנחסום תאותנו מכל התענוגים שהם החזקים שבסבות העבירות כמ"ש (הושע יג) כמרעיתם וישבעו ואמר בהפכו (שם ה) בצר להם ישחרונני. ומהם מ"ש (זכריה יג) ולא ילבשו אדרת שער למען כחש וזה מורה כי הוא היה לבוש החסידים מקדם והיו לובשים אותו אנשי הדור ההוא להחניף ומזה מ"ש דוד (תהלים קיט) טרם אענה אני שוגג ואמר (שם) טוב לי כי עניתי ואמר (שם) טוב לי תורת פיך וגו'. ומהם מנהג איוב אשר ספר על עצמו מבזותו העולם והונו וקשרו חושיו ואסרו ידיו ולשונו מכל מה שיש בו המרות הבורא ובחרו באמת והצילו העשוקים והטבתו לדלים ולאובדים כמנהגי הפורשים מן העולם. ומהם מה שעשה דניאל בהתפללו אל האלהים בעבור אורך הגלות הראשון והתאבלו עליו שאמר (דניאל י) לחם חמודות לא אכלתי ואמר לו המלאך (שם) מן היום הראשון אשר נתת את לבך להבין

## מרפא לנפש

שהפרישות צורך לזה שמומר וכן כל מה שהביא סוף עד"ז: שהם החזקים שבסבות העבירות כמ"ש כמרעיתם וישבעו שבעו וירם לבם על כן שכחוני והוא גמרא דברכות פ"ה ואמרו עוד שם ר"ינ ברבי ינאי אמר מכאן ורם לבבך ושכחת את ה' אלהיך ורבנן אמרי מכאן וישמן ישורון ויבעט: טרם אענה למ"ה. הרב מפרש מלת אענה לשון עינוי ותענית כלומר טרם עניתי הייתי שוגג ונכשל בעבירות: טוב לי תורת פיך וגו' גם זה מן הפרישות שיפרוש אדם ממה שידוע אמר הזהב והכסף

וועלכליכע זאכן מה שצותה אותנו התורה וואס די תורה האט אונז געבאטן בתענית בעת התשובה דאס מען זאל פאסטן אין דער צייט אז מען טוט תשובה אונ מען בעט איהם ער זאל אונז פר געבן די זינד כדי שנחסום תאותינו כדי מיר זאלן איין האלטן אונזערע גלוסטיקייט מכל התענוגים פון אלע תענוגים שהם החזקים שבסבות העבירות וואריום די תענוגים ברענגען צו כל עבירות וויא עס שטייט אין יהושע כמרעיתם וישבעו אז זייא טוען אום פיטערן אונ ווערן זאט כלומר אז זייא האבן גיהאט זייער פיל תענוגי עולם הזה האבן זייא אין מיר פר געסן ואמר בהפכו אונ פון זעלכע וואס גייט זיי פר קערט דאס זייא האבן ניט אפילו זייער בעדערפיניש האט גזאגט הושע הנביא בצר להם אז עס טוט זייא זיין אייננ ישחרונני טוען זייא מיך פארשטן ומהם מ"ש זכריה אונ פון די פסוקים וואס מיר גפינן אז מען גהער זיך אפ צו שיידן פון די וועלטליכע זאכן איז וואס שטייט אין זכריה ולא ילבשו אדרת שער כו' אונ זייא וועלן ניט אן קליידן קיין רויכיגען מאנטיל כדי מען זאל מיינן זייא זיינן פון די פרומע לייט וזה מורה אונ דס ווייזט כי הוא היה לבוש החסידים אז פר צייטן פלעגין די חסידים זעלכע קליידר אן צו טאן ווייל זייא פלעגין זיצן תמיד אליין דרום האבן זייא ניט גזעהן זיי זאלין האבן דווקא שיינע קליידר והיו לובשים אותו כו' אונ די לייט פון דעם דור פלעגין זיך זעלכע קליידר אן צו טאן אפ צו נארין דס מען זאל מיינען אז זייא זיינען חסידים ומזה מ"ש דוד טרם אענה אני שוגג אונ אויך איז גידרונגן פון דעם וואס דוד האט גזאגט אי איך האב מיך גפייניגט האב איך גיזינדיגט בשוגג ועתה אונ אבער איצונד אז איך האב מיך שון גיפייניגט אמרתך שמרתי האב איך גטאן היטן דיינע רייד אונ אויך האט ער גזאגט טוב לי כי עניתי עס איז מיר גוט וואס איך האב מיך גפייניגט אונ אויך האט ער גזאגט טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף די תורה פון דיין מויל איז מיר ליבר אז טויזנטער זילבר אונ גאלד ומהם מנהג איוב אויך גפינן מיר דעם מנהג וויא איוב האט זיך נוהג גוועזן אשר ספר על עצמו וואס ער האט זעלבסט דר ציילט מבזותו העולם והונו וויא ער האט מבזה גוועזן די וועלט מיט איר גוטס וקשרו חושיו אונ וויא ער האט גיצוואונגן זיינע חושים ואסרו ידיו ולשונו אונ האט איין גיהאלטן זיינע הענד אונ זיין צונג מכל מה שיש בו המרות הבורא פון אלימען וואס דורך דעם קאן מען גאט דר צארינן ובחרו באמת אונ האט אוס דר וויילט אין די ווארהייט והצילו העשוקים אונ וויא ער האט מציל גוועזן די בערויבענע והטבתו לדלים ולאובדים אונ וויא ער האט גוטס גטאן צו ארומע אונ פאר לארינע מענטשן כמנהגי הפורשים מן העולם גליך וויא דר מנהג איז פון די וואס שיידן זיך אפ פון דר וועלט ומהם מה שעשה דניאל אונ אויך גפינען מיר וואס דניאל האט גטאן בהתפללו אל האלהים אז ער האט תפלה גטאן צו גאט בעבור אורך הגלות הראשון פון וועגין וואס דר ערשטר גלות האט לאנג גיווערט והתאבלו עליו אונ האט דרויף גיטרויערט שאמר וואס ער האט גזאגט לחם חמודות לא אכלתי קיין גילוסטיגע ברוט האב איך ניט גיגעסן ואמר לו המלאך האט דר מלאך

ולהתענות ושאר הענין הזה הוא הטוב שבמנהגי הפרישות. ומהם מה שעשו אנשי נינוה כששמעו מה שגזר עליהם הבורא כמ"ש (יונה ג) ויאמינו אנשי נינוה באלהים ובכמוהו מה שעשו אבותינו בימי המן כבתוב (אסתר ד) מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע אבל גדול וגו' והרבה כזה בספרינו כשתחקור עליו תמצאנו מפוזר בדברי אבותינו הרבה. ומהם מה שאמר שלמה (משלי כג) אל תהי בסובאי יין וגו' (שם ו) מעט שנות מעט תנומות וגו' ומה שאמרה אם למואל (שם לא) אל תתן לנשים חילך וגו' אל למלכים למואל וגו' פן ישתה וישכח מחוקק. ומהם מה שאמר (קהלת ב) כי לאדם שטוב לפניו וגו' ואמר (שם ז) לב חכמים בבית אבל (שם) טוב ללכת אל בית אבל ואמר (שם ה) מתוקה שנת העובד ואמר (שם יא) כי הילדות והשחרות הבל ואמר (שם יב) סוף דבר הכל נשמע וגו'. אבל מה שאמרו רז"ל במשנה ובתלמוד רב מחברו בספר הזה ורובו נמצא במסכת אבות ועוד אמרו כך היא דרכה

מרפא לנפש

וזדבק נפשו עכ"ל: והו הטוב שבמנהגי הפרישות למ"ס. ע"ד שעשה דניאל הוא כטוב שלא עשה הפרישות ותועלת עצמו לבד רק לתועלת כל ישראל ולהועלת עבודת הבית שהתפלל שיגאלנו ישראל ויכנס בית המקדש כדי לעבוד את ה' עכ"ל. והאשר לפרש בזה הטוב בפרישות שלא לפרוש מכל וכל רק כמו שעשה דניאל שלא אכל לחם המודות ויין לא שתה אבל שאר דברים אכל ושתה וכמ"ש בפ"ג ע"ש: כי לאדם שטוב לפניו נתן חכמה ודעת ושמחה וכו' ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס לתת לטוב לפני האלהים וגו' ואמר שם מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון: כי הילדות והשחרות הבל וכו' דקרא שמח בחור בילדותך וגו' ודע כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט וגו' וזכור את בוראיך בימי בחורותיך עד אשר לא יבואו ימי הרעה וגו' ואמר שם סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם
ע"כ: במסכת אבות יש נגרסין בתם' מגאה ויש גורסין בתם' תענית. למ"ס:

צו איהם געזאגט מן היום הראשון אשר נתת את לבך להבין ולהתענות פון דעם ערשטען טאג אן אז דו האסט דיר איין זין אריין גנומען צו פר שטעהן אונ צו פאסטען זיינען דיינע רייד פאר מיר געהערט געוואָרען אונ וויא ווייטער שטעהט דאָרטען. זאגט דער מחבר וזה אונ דאס פרישות וואס דניאל האט געטאן פון דער הילף פון כל ישראל וועגען אונ פון נאָמס דינסט וועגען דאס ער האט מתפלל געוועזען אז די ישראל זאָלען אום גלייזט ווערען כדי זיא זאָלען גאט דינען דאס איז הטוב שבמנהגי הפרישות דער בעסטער מנהג פון די אפ שיידונג פון דער וועלט ומהם אונ נאך גיפינען מיר מה שעשו אנשי נינוה וואס די לייט פון נינוה האבען געטאן כששמעו אז זייא האבען געהערט וואס דער בעשעפער האט אויף זייא גוזר געוועזען וויא עס שטעהט אין יונה ויאמינו אנשי נינוה באלהים אונ די לייט פון נינוה האבען גגלויבט אין גאט ובכמוהו אונ אזוי אגלייכען איז מה שעשו אבותינו בימי המן וואס אונזערע עלטערין האבען געטאן אין די טעג פון המן וויא עס שטעהט אין מגלת אסתר מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע אויף דעם אָרט וואו דס באפעל פון דעם מלך אונ זיין געזעץ האט גטאן גרייכען איז געוועזען אבל גדול איין גרויסע טרויערקייט צו די יהודים אונ האבען גפאסט אונ געוויינט והרבה כזה בספרינו אונ נאך פיל אזעלכע גלייכען שטעהט אין אונזערע ספרים כשתחקור עליו אז דו וועסט דרויף נאך פארשטין תמצאנו מפוזר בדברי כלומר דו וועסט עס געפינען אויף פיל ערטער וויא אונזערע עלטערן פלעגען זיך נוהג צו זיין ומהם אונ איינס דר פון איז מה שאמר שלמה וואס שלמה המלך האט געזאגט אין משלי אל תהי בסובאי יין דו זאלסט ניט זיין צווישען די וויין זויפערס אונ נאך שטעהט אין משלי מעט שנות מעט תנומות ווייניג שלאפין אונ ווייניג דרעמלען ומה שאמרה אם למואל אונ וואס די מוטער פון שלמה האט געזאגט צו שלמה אל תתן לנשים חילך דס דו זאלסט ניט געבען צו ווייבער דיין קראפט פן ישתה וישכח מחוקק טאמער וועט ער טרינקען אונ וועט פר געסען וואס אין דער תורה שטעהט ומהם מה שאמר קהלת אונ נאך וואס קהלת האט געזאגט כי לאדם שטוב לפניו דען צו דעם מענטשען וואס איז גוט פאר איהם האט ער געגעבען פר שטאנד אונ נאך שטעהט אין קהלת לב חכמים בבית אבל דאס הארץ פון די חכמים איז אין דעם הויז וואס מען טרויערט אונ פריער שטעהט טוב ללכת אל בית אבל עס איז בעסער צו גיין אין דעם הויז וואו מען טרויערט איידער צו גיין אין דעם טרינק הויז אויך שטעהט אין קהלת סוף דבר הכל נשמע דער סוף פון דער זאך ווערט פאר שטאנען את האלהים ירא דו זאלסט זיך פארכטען פאר גאט ואת מצותיו שמור אונ זייגע מצוה היט אבל מה שאמרו רז"ל כו' אבער וואס אונזערע חכמים האבען געזאגט דר פון אין משניות אונ גמרא רב מחברו בספר הזה איז צו פיל אלץ אין דעם ספר צו שטעלען ורובו נמצא אונ דס רוב דר פון וועסטו געפינען אין דער מסכת אבות ועוד אמרו אונ נאך האבען זייא געזאגט כך היא דרכה של תורה אזוי

איז

של תורה פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וכו׳ ומה שסמוך לזה מדבריהם התורה נקנית בארבעים ושמונה דרכים ובפרקא דחסידי במסכת תענית מה שיורה על פרישותם ומי שיחקור על הענין הזה ימצאנו כתוב ומן השכל ומן הקבלה תן לבך בו וחשוב עליו במצפונך תשיגהו בעזרת השם כמ״ש (משלי ב) אם תבקשנה ככסף וגו׳ אז תבין יראת ה׳ וגו׳ :

פרק ז אבל ההפרש שבין קדמונינו ובינינו בפרישות הוא שחנוך ונח ואברהם ויצחק ויעקב ואיוב ורעיו היה שכלם זך ויצרם חלש ונפשותם היו נמשכות אחר שכלם והמעט מן המצות היה מספיק להם בהשלמת עבודת האלהים עם אמונת לבם לאלהים כמ״ש באברהם (נחמיה ט) ומצאת את לבבו נאמן לפניך ולא היו צריכים אל הפרישות היוצאת מהדרך השוה התוריה . וכאשר ירדו בניהם אל מצרים וגרו בה בימי יוסף כשבעים שנה בשלום (ס״א בשלוה) וחזקה תאותם וגדלה תשוקתם וגבר יצרם על שכלם נצטרכו מן הפרישות אל מה שיהיה הפך תאותם ויעמוד כנגד יצרם. והוסיף להם הבורא מן המצות

מרפא לנפש

פרק ז וגרו בה בימי יוסף כשבעים שנה בשלוה כי יוסף בן ל״ט שנה היה כשירדו יעקב ובניו למצרים וכל ימיו היו

איז דער דרך פון דער תורה דס דר וואס וויל קומען צו דער תורה זאל זיך אזו נוהג זיין פת במלח תאכל ברוט מיט זאלץ זאלסטו עסין ומים במשורה תשתה אונ וואסער מיט דער מאס זאלסטו טרינקן ועל הארץ תישן אונ אויף דער ערד זאלסטו שלאפן ובתורה אתה עמל אונ אין דער תורה זאלסטו זיך מידין כלומר האמשי דוא האסט מער ניט נאר ברוט מיט זאלץ צו עסין אונ מוזט שלאפן אויף דער ערד זאלסטו פארט תורה לערנין ומה שסמוך לזה מדבריהם אונ וואס עס שטייט נאך דער ביי וואס די חכמים האבן גזאגט התורה נקנית בארבעים ושמונה דרכים די תורה קאן מען קריגן דורך אכט אונ פערציג דרכים ובפרקא דחסידי אונ אין מסכת תענית ווערט אין איין פרק דר ציילט פון די חסידים מה שיורה על פרישותם וואס עס ווייזט וויא זייא האבן זיך אפ גישייד פון די וועלטליכע זאכן ומי שיחקור על הענין הזה אונ דער וואס ווערט וועלן אויף דער זאך רעכט נאך פארשטן ווערט ער עס געפינען געשריבן אין פסוקים ומן השכל אונ ווערט עס פאר שטיין אויס דעם שכל ומן הקבלה אונ אויס דעם וויא מיר האבן פון אונזערע חכמים מקבל גווען תן לבך בו גיב דיין הארץ דרינען וחשוב עליו במצפונך אונ טראכט דרויף מיט דיינע מחשבות תשיגהו בעז״ה וועסטו עס פר שטיין מיט גאטס הילף וויא עס שטייט אין משלי אם תבקשנה בכסף אז דו וועסט די תורה זוכן וויא זילבער אז תבין יראת ה׳ דענסמאלט וועסטו פר שטיין גאטס פארכט :

אבל ההפרש שבין קדמונינו ובינינו בפרישות אבער דער חילוק וואס איז צווישן די ערשטע לייט אונ צווישן אונז אין דעם אפ שיידונג פון תענוגים הוא איז דס וואריום חנוך אונ אברהם יצחק ויעקב אונ איוב אונ זיינע חברים היה שכלם זך איז גוועין זייער שכל לויטער ויצרם חלש אונ זייער יצר הרע שלאף ונפשותם היו נמשכות כו׳ אונ זייער ווילן האט זיך נאך גצויגן נאך זייער שכל והמעט מן המצות כו׳ אונ מיט ווייניג פון די מצות האבן זיי גנוג גהאט צו דער פילן די דינסט פון גאט עם אמונת לבם לאלהים ביי זייער הארץ איז גוועין זייער גיטריי צו גאט ווי עס שטייט ביי אברהם אין נחמיה ומצאת את לבבו אונ דו האסט גיפונען זיין הארץ גיטרייא צו דיר ולא היו צריכים אל הפרישות אונ זייא האבן ניט באדארפט דעם אפ שיידונג היוצאת מהדרך השוה וואס גייט ארויס פון דעם גלייכן וועג וואס די תורה האט אונז גיי״ינט וכאשר ירדו בניהם אל מצרים אונ אז זייערע קינדער האבן גינידערט קיין מצרים וגרו בה בימי יוסף אונ האבן דרינען גיוואונט זיבעציג יאר מיט פרייד אין דיא טעג וואס יוסף האט גילעבט וחזקה תאותם אונ זייערע תאוות האט זיך גישטארקט וגדלה תשוקתם אונ זייער גילוסטיקייט איז גרוים גווארין וגבר יצרם אונ זייער יצר הרע האט זיך גישטארקט איבער זייער שכל ונצטרכו מן הפרישות האבן זיי זיך גימוזט אפ שיידין פון זייער גילוסטיקייט צו טאן זעלכעס וואס זאל זיין קעגין זייער גילוסטיקייט ויעמוד כנגד יצרם אונ זאל שטיין קעגין זייער יצר הרע והוסיף להם הבורא מן המצות האט זייא דער בשעפער גימערט פון זעלכע מצות השמעיות די גיהערטע דאס

השמעיות מה שעמד להם במקום הפרישות הראויה להם כפי תכלית יכלתם ופחות ממנה. וכאשר כבשו ארץ כנען ונכנסו בה והתנעמו בטובה בקשו המזון והסמוך לו ממותרי מאכל ומשתה והמשגל והבנין. וכל אשר נוספה הארץ ישוב נוסף השכל חרבן כמ"ש (דברים ח) פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת וגו' ובקרך וצאנך ירבין וגו' ורם לבבך וגו'. וכל אשר נוספו התאוות ונתחזקו נחלש השכל והתאחר מהשיג העצה הנכונה והצטרכו אל פרישות חזקה יעמדו בה כנגד חושיהם כדרך הנזיר ומנהג בני הנביאים אשר זכרנו במה שעבר לנו בספר הזה. וכן בשאר הדורות השכל בחולשה והתאוה בגבורה. ובכל עת שמתעסקים בענין מעניני העולם הטרידם מעניני העוה"ב, על כן הוצרכו להפנות ממנו בעת שעושים מאומה ממעשי העולם הבא והיו הקדמונים בחזק שכלם וזך נפשם עושים לעולמם ולאחריתם ולא היה האחד מספיד על חברו כמו שכתוב (ירמיה כב) אביך הלא אכל ושתה וגו' אז טוב לו וגו' ואמר (קהלת ז) טוב אשר תאחוז בזה וגם מזה אל תנח את ידך. וראית

## מרפא לנפש

קיו: השמעיות כלומר שאינם מצד השכל נקראים שמעיות: הפרישות הראויה להם כפי [illegible]: והסמוך לו והדומה לזה והקרוב לזה ממותרים ע"כ הוצרכו להפנות ממנה מעניני העוה"ז בעת שעוסקין לעוה"ב. כלומר מאחר שאין יכולת בידם שיהו עוסקים בעניני העולם הזה וכוונתם לש"ש ולעבודת השם כמו אנשי הקדמונים עשו עניניהם [illegible]

דער שכל איז זיי ניט מחייב דהיינו בלאים און שעמען מה שעמד להם וואס עס איז זיי געשטאנען במקום הפרישות אויף דעם ארט פון דעם פרישות וואס איז ראוי צו זיא כפי תכלית יכלתם לויט וויא זייער מאכט האט גרייכט ופחות ממנה און עפיס ווייניגער דער פון ווארום גאט האט אויף זיי ניט געוואלט שווער מאכין וכאשר כבשו ארץ כנען און אז זייא האבין איין גינומען דאס לאנד כנען ונכנסו בה און זיינען דרינען אריין גיגאנגן והתנעמו בטובה און האבן גיהאט פיל גוטס בקשו המזון והסמוך לו האבין זייא גיזוכט שפייז און דעם גלייכין ממותרי המאכל פון לוקסוס אין עסין און טרינקען און קערפערליכע תאוות און בנינים בויען האבין זיי דאס אלץ גיוואלט מער איידער זיי בדארפין נייטיג וכל אשר נוספה הארץ ישוב און ווי מער דאס לאנד איז בזעצט גיווארין נוסף השכל חורבן איז אלץ דער שכל מער פאר וויסט גיווארין ווי עס שטייט אין דברים פן תאכל ושבעת פאמער וועסטו עסין און וועסט זאט זיין ובתים טובים תבנה וישבת און גוטע הייזער וועסטו בויען און וועסט דרינען וואוינען ובקרך וצאנך ירבין און דיינע רינדער און שאף וועלין זיך מערין ורם לבבך ושכחת און דיין הארץ וועט זיך דער הייבין און וועסט פר געסין'אן גאט וכל אשר נוספו התאוות און ווי מער דיא תאוות האבין זיך גימערט און גישטארקט נחלש השכל איז אלץ גיווארין דער שכל שלאפער והתאחר מהשיג העצה הנכונה און זאמט זיך צו גרייכין די רעכטע עצה וואס איז גוט און והצטרכו אל פרישות חזקה האבין זיי זיך גימוזט זייער שטארק אפ שיידין פון די וועלטליכע הנאות יעמדו בה זייא זאלין מיט דעם פרישות זיך שטעלין כנגד חושיהם קעגין די תאוות פון די חושים כדרך הנזיר ומנהג בני הנביאים גלייך וויא איין נזיר און די נביאים פלעגין צו טאן אשר זכרנו תם מיר האבין אויבן דר מאנט אין דעם ספר וכן בשאר הדורות און אזוי אויך אין די איבעריגע דורות השכל בחולשה דער שכל איז שלאף והתאוה בגבורה און דם גילוסטיקייט איז זייער שטארק ובכל עת שמתעסקים און אין אלע צייט וואס זיי זייגען עוסק מיט די וועלטליכע זאכין הטרידם מעניני העולם הבא מאכט עס זייא טרודי פון צו טאן דיא זאכין וואס צו עולם הבא גיהערין על כן הוצרכו להפנות ממנה דרום מוזין זיי זיך אפ קערין פון די וועלטליכע זאכן בעת שעושים מאומה אין דער צייט אז זיי טוען עפעס פון די זאכין וואס גיהער צוא עולם הבא ווארום זייא האבין קיין מאכט ניט זיי זאלין עוסק זיין אין די זאכין פון עולם הזה און זייער כוונה זאל זיין לשם שמים והיו הקדמונים בחוזק שכלם און די פארצייטיגע לייט מיט זייער שטארקן שכל וזך נפשם און מיט זייערע לויטערע נשמות עושים לעולמם ולאחריתם האבין זיי גיטאן וואס גיהער צו דער וועלט און צו זייער סוף און האבין גיקאנט צו ביידע וועלטין גינוג טאן ולא היה האחד מספיד על חבירו איינער האט ניט פאר דארבין אויף דאס אנדערע וויא עס שטייט אין ירמיה אביך הלא אכל ושתה וגו' אז טוב לו דיין פאטער האט דאך גיגעסין און גיטרונקען און האט גוטס דער בייא גיטאן דרום איז אים וואוי

גיגאנגען

אחי מליצה נמרצת בענין הפרישות לאחד מן החסידים מצוה בה בנו וישרה בעיני ושמתיה
חתימה לשער הזה כמו שמצאתיה תחת תוכחתי לך והורותי אותך, הבן אותה והסתכל
בה תגיע אל הטוב והישר בעֶרת האל וזאת היא. ואתה בני ישימך האלהים מאשר ישמעו
ויאזינו. ויאזינו ויחשבו. ויחשבו וידעו. וידעו ויעשו. ואל ישימך מן האנשים הטובעים
בתעות השדודים (ס"א השכורים) ביין הסכלות אשר העבידם היצר ומשל בם העולם ונברו
עליהם התאוות ונטו בהם אל התענוגים והסיתום המאויים והשיאתם החמדה והם באפלתם
נחבטים ובמרוצת טעותם שבים, ישמעו ולא יאזינו ויאמרו ולא יעשו, בקשו המנוחות
ונפלו באנחות, השתדלו להשיג הנעימות והשיגו היסורים הקשים, ונפשותם עיפות ונופותם
יגעות, דעותם שלולות ובינותם מנופצות, יקבצו הזהב האובד והכסף החולף ויורישוהו
האויבים והחודרות מי הגשים, ומחזיקים הארמונות ושוכנים בקברות, ובונים אשר לא יושיבו

מרפא לנפש

וכל מעביהם היו לה"ש כמ"ש אביך הלא אכל ושתה ועשה משפט וצדקה אז טוב לו : תחת תוכחתי לך ר"ל כתוך אשר הוכחתי
הוריתי אותך במתי נ"כ התוכחה הזאת : ובינותם מנופצות מפוזרות כמ"ש לעיל המקום ילילנו מפזור הנפש או מהות מלבון
כלי יוצר מנפצם וכ"ל נשברים : והחודרות מן הגשים לא זו שהגשים כשרום יוריהו אותו אלא אף גם כנשים שהסכימו אותם הדר

גיגאנגען אונ אין קהלת שטייט טוב אשר תאחוז בזה עס איז גוט אז דוא זאלסט אן גרייפין אין
דעם מיינט מען צו טאן די זאכן וואס גיהערין צו יענעם עולם וגם מזה אל תנח את ידך אונ פון
די זאכין וואס דוא בדארפסט נייטיג צוא דעם עולם זאלסטו אויך ניט שטיין לאזן וראיתי אחי
אונ איך האב גיזעהן מיין ברודער מליצה נמרצת איין שיינע אונ אשטארקע שטראף רייד בענין
הפרישות פון דעם אפ שיידונג פון די תענוגים האב איך עס גיפונען גישריבין לאחד מן החסידים
פון איינעם פון דיא חסידים מצוה בה בנו וואס ער האט גיבאטען זיין זון דרינען וישרה בעיני אונ
זיא איז מיר גיפעלין ושמתיה חתימה האב איך עס גישטעלט פר איין אויס לאז צוא דעם שער
כמו שמצאתיה וויא איך האב עס גיפונען אזו האב איך עס גישטעלט תחת תוכחתי לך צווישען
מיין שטראף רייד וואס איך האב דיר גישטעלט אונ האב דיך גילערינט האב איך דיא תוכחה
איך גישטעלט אדער אזו איז דער פשט (תחת תוכחתי לך) צום סוף פון מיין תוכחה האב איך דיא
תוכחה גישטעלט הבן אותה והסתכל בה אונ פאר שטייא זיא אונ טראכט דרויף תגיע אל הטוב והישר
דען וועסטו מיט גאטס הילף גרייכן צו דעם גוטס אונ צו דעם וואס רעכט פארטיג איז וזאת היא
אונ דאס איז די תוכחה ואתה בני אונ דו מיין זון ישימך האלהים גאט זאל דיר מאן מאשר ישמעו
ויאזינו פון די לייט וואס הערין צו גאטס רייד אונ פאר נעמן ויאזינו ויחשבו אונ פר נעמען אונ
טראכטין ויחשבו וידעו טראכטין אונ ווייסין וידעו ויעשו. ווייסין אונ טוען ואל ישימך מן האנשים
הטבועים בתעות אונ ער זאל דיך ניט מאן פון זעלכע לייט וואס זיינען איין גיזונקען אין פאר אירונג
השודדים ביין הסכלות וואס זיינען גלייך ווי איין שכור וואס דער וויין רויבט אוועק ביי אים דעם שכל
אשר העבידם היצר וועם דער יצר הרע האט זיי גימאכט זיי זאלין אים דינען ומשל בהם העולם אונ דאס
גימאכט די וועלט איבער זיי גיוועלטיגין וגברו עליהם מתתאוות אונ די תאוות האבין זיך גישטארקט
איבער זייא ונטו בהם אל התענוגים אונ זיי האבין גינייגט מיט דיא תאוות צוא דיא תענוגים והסיתום
המאויים אונ זייער גילוסטין האט זיי אן גירייצט צו די תענוגים והשיאתם החמדה אונ דאס גילוסטין
האט זייא אן גירעט והם באפלתם נחבטים אונ זייא זיינען אין זייער פינצטערקייט גישלאגין ובמרוצת
טעותם שבים אונ די איינענע עבירות וואס זייא האבין פריער גיטאן טוען זייא נאך אמאל ישמעו ולא
יאזינו זיי הערין שטראף רייד אונ פאר נעמען ניט ויאמרו ולא יעשו. זיי זאגין מיטין מויל עס איז
גוט גאט צוא דינען אונ טוען ניט בקשו המנוחות זייא זוכין דיא רוא ונפלו באנחות אונ פאלין אריין
אין זיפצין השתדלו להשיג הנעימות זייא טראכטין צוא גרייכין זיסע זאכין והשיגו היסורים הקשים אונ
קריגין שווערע יסורים ונפשותם עיפות אונ זייערע לייבער זיינען מיד ונופותם יגעות אונ זייערע
גופים זיינען מאט דעותם שלולות זייערע ווייסין שאפט איז אוועק גירויבט ובינותם מנופצות אונ זייער
פאר שטאנד איז צו בראכין אונ פאר שפרייט יקבצו הזהב האובד זיי זאמלען איין גאלד וואס ווערט
פאר לארין והכסף החולף אונ זילבער וואס גייט אוועק אונ דער סוף קאן זיין אז עס ווערט ביי זיי ניט

ויקבצו מה שלא יוציאו, קובר כל איש מהם אביו ובנו ואינו עושה מעשה הקיים לנצח, שוכח קצו וזוכר מאוויו, ומה תאמר בתוך שאבדו שתי קצותיו ויחיד שעזבוהו אבותיו. והסתכל בני במי שהרחיב הבורא את לבו והמשילו במחשבתו ופקח עיניו בטוב לו והראהו הדרך הישרה וקרב אליה ונוכח בהם בטוחים ממנו בני אדם והוא בטוח בהם והשלים עמהם ונצל מהם עבדו בני אדם יצרם ועבד הוא אלהי השמים והארץ המחיה הממית הבורא החונן אשר אין אלוה מבלעדיו. כמה בינם ובין אנשים כרו מצפוניהם וזכו חוביהם ועיניהם נחות ולבותם בטוחות והם בזכר האלהים משתעשעים בבדידות ומודים

מרפא לנפש

יחידי וכן האנות הן יוריפו ממונו כנ"ל לפרש וכ"כ (ביחזקאל כא) היא חרב חלל הגדול החודרת להם ופירשו החודרת להם בכל אשר לא תרדף אחכם בחדרי חדרים כו' ע"ש: קובר כל איש מהם אביו ובנו כו' כלומר שרואה זקנים ממנו ונערים ממנו אעפ"כ אינו משים על לבו יום מיתתו ואינו עושה מעשה הקיום לנצח לעולם הבא: ומה תאמר בתוך שאבדו שתי קצותיו משל ודמיון לצרות ופגעים המתרגבות בעולם מכל הצדדים וישאר בתוך והאמצע גלמוד ערירי אין לו עזר וכן אשר מתו אבותיו ובניו וכזה נשאר לבדו ואין לו להשען אלא על אביו שבשמים: ונוכח בה לי תוכחה ומוסר ר"ל ונתייסר בה בדרכי היושר או נוכח בהם לקחת מוסר מן הרשעים והכסילים שבודאי רעה תבא עליהם: כמה בינם ובין אנשים כו' כלומר כמה מעלות טובות יש בין האנשים שעבדו יצרם שזכר לעיל. ובין אנשים אשר כרו מצפוניהם. מלי כר לבב: חוביהם מצפוניהם כמו ממון כמוסו מכמון המקרא ונתכתם שמה: ועיניהם נחות שבעלי התאות עיניהם משוטטות תמיד לתור אחרי הדברים הערבים להם מה שאין כן אלו עיניהם נחות: והם בזכר האלהים כו' אע"פ שהם בבדידות משתעשעים בזה מה שהם זוכרים את ה': ומודים על טובתו

בלייבן ויורישוהו האויבים אונ די פיינד וועלין עס ארבן והחודרות מן הגשים אונ די ווייבער וואס זיינען זייערע מאנען ניט מרייא אונ זוכען נור צו זאמלען געלד אין פערבארגנים ומחזיקים הארמונות אונ זייא שטארקן די פאלאצין ושוכנים בקברות אונ זיי ליגן אין דיא גריבער ובונים אשר לא יושיבו אונ בויען געלבע בנינים וואס קאן זיין זייא זאלין גאר דרינען ניט וואוינען ויקבצו מה שלא יוציאו אונ זאמלען איין וואס זייא וועלין ניט אויס געבן קובר כל איש מהם אביו ובנו איטליכער מענטש פון זייא באגראבט זיין פאטער אונ זיין זון דאס הייסט ער זעט וויא עלטערע אונ אינגערע פון אים שטארבין ואינו עושה מעשה כו' אונ ער טוט פארט ניט די ווערקין וואס קאנען בלייבין אים אויף אייביג דאס הייסט מען מעשים טובים שוכח קצו ער פארגעסט זיין סוף וזוכר מאוויו אונ גידיינקט אין זייא גילוסטיגקייט ומה תאמר אונ וואס וועסטו זאגן בתוך פון איין מיטילמע זאך שאבדו שתי קצותיו וואס ביידע עקן דער פון זיינען פארלארין דאס הייסט ווען אויף איינעם קומט איין צרה פון אלע זייטן אונ ער בלייבט אליין אן איין שום העלפער ויחיד שעזבוהו אדער איינער וואס זיינע עלטערין האבין אים פארלאזין האט ער זיך מער ניט צו פאר לאזין נאר אויף גאט והסתכל בני דרום גיב ליבער אכטונג מיין זון אונ געם דיר ארויה במי שהרחיב לו הבורא פון אזעלכין וואס דער באשעפער האט זיין הארץ ברייט געמאכט והמשילו במחשבתו אונ האט אים גימאכט גיוועלטיגין איבער זיינע מחשבות ופקח עיניו אונ האט גיעפינט זיינע אויגין ער זאל זעהען וואס אים גוט איז והראהו הדרך הישרה אונ האט אים גיוויזין דעם רעכט פארטיגין וועג וקרב אליה אונ האט אים גינעהינט דער צוא ונוכח בהם אונ איז פאר בעסערט גיווארין דורך דיא רשעים ווייל ער וויים אז זייער סוף ווערט בוודאי שלעכט זיין בטוחים ממנו בני אדם די לייט זיינען פון אים פר זיכערט אז ער וועט זיי קיין בייז ניט טאן והוא בטוח בהם אונ ער איז פון זיי פאר זיכערט אז זיי וועלין אים קיין בייז ניט טאן והשלים עמהם אונ ער האט שלום מיט זיי ונצל מהם אונ איז בעשירעמט פון זייא עבדו בני אדם יצרם די לייט מעגן דינן זייער יצר הרע ועבד הוא אלהי השמים והארץ אונ ער דינט דעם גאט פון דעם הימיל אונ ערד המחיה הממית וואס ער מאכט לעבין אונ טייטין הבורא החונן וואס ער איז איין בשעפער אונ איין לייט זעליגער אשר אין אלוה מבלעדיו וואס עס איז ניט פאר האנדין קיין גאט חוץ אים כמה בינם ובין אנשים זעה וואס דער חילוק איז צווישין דיא לייט וואס פריער איז גישטאגען אונ צווישין דיא לייט וואס כרו מצפוניהם זייערע מחשבות זיינען קלאר וזכו חוביהם אונ וואס זייערע בהאלטינע גידאנקען זיינען ריין ועיניהם נחות אונ זייערע אויגין רוען (עיין בפי') ולבותם בטוחות אונ זייערע הערצער זיינען פאר זיכערט והם בזכר האלהים משתעשעים בבדידות אונ אז זייא זיינען אליין פרייען זייא זיך אז זיי דער מאנען זיך אן גאט ומודים על טובתו

בכל

על טובתו בכל ענין, קרבו אל העיון המחשבי והמניני והמועצי, קרעו מסך הראות בדרכי המצפונים והגיעו אל מרגוע האמת ביגיעה ויצאו ממנוחה אל שעשועים לא טרדם מאוים ולא אחרם אורך קצם והם ליום המות נחפזים ומאחריתו נשמרים, קרואי אלהים ומשחריו ומיחליו ועובדיו, דוברי אמת ולוהגי צדק, מבלי מורא שלטון ולא ממשלת שטן, יקרים יותר מכל אדם ושמורים יותר מכל עם ותפארתם ומעלתם גדולה מכלם. מכובדים בבתי (ס"א בדרכי) האלהים וגדולים בעיני הברואים, אין טורד אותם מזכר האלהים טורד, ולא מעכבם מהודותו מעכב, לשונותם רנילות בהלל והודות ולבותם שמחות בבר וביחוד, התנכר להם העולם והכירוהו ודברו (ס"א ודרכו) בו וספרוהו, לא נעלם מעיניהם בגדו ולא נסתרה מהם תרמיתו,

מרפא לנפש

שהכל טוב אצלם : קרבו אל העיון המחשבי כו' ר"ל קרוב אליהם כל הדברים שצריך כ"א להתלמד וליגע עליהם כגון העיונים ההם במחשבה ועיון שהוא בחכמה המנין והעצה טובות את הכל קל בעיניו וקרוב אליו כמו שכתוב לעיל : קרעו מסך הראות כו' מה שהוא צפון ונסתר מנגד שאר בני אדם הוא יכול לראות ולדעת כאלו קרעו והסירו המסך המבדיל : ביגיעה כמו שאמרו חז"ל יגעתי ומצאתי תאמין : ולא איחרם אורך קצם לא אמרו אחר נעשה כי עדיין יש זמן רק עשו כל יום אם תוכו הפך כח בעלי ההשכלות שבטחונם באריכות ימיהם הם לאורך תאותם ובהם לקוצר תאותם בעניני אחריתם כמ"ש לעיל ע"ש: קרואי לשון קרואי העדה : ולוהגי דוברי: אין טורד אין שום טרדה אחרת שיוכל להטרידם מזכור את האלהים : התנכר להם העולם כאיש נכרי שלא יכירו את בגידתו כדי שילכו אחריו אבל הם הכירוהו היטב ויודעים שהעוה"ז הבל הבל

בכל ענין אונ זיי לויבין אים אויף זיין גוטס אין אלע זאכין כלומר וואס פאר זאכין עס קומן אויף זיי גוטס אדר בייז נעמן זייא עס אלץ אן פר גוטס אונ לויבין אים דער פר קרבו אל העיון המחשבי זיי זיינן נאהינט צו די זאכין וואס דער שטיינער איז מענטשין זאלין זיך מיהען איבר זייא דאס איז זעלכעס וואס מען מוז זיי וואול בטראכטין והמניני אונ זעלכעס וואס איז פון די חכמה פון רעכנען והמועצי אונ דיא גוטע עצות אין נאמס רינכט איז דאס אלץ בייא זיי גרינג קרעו מסך הראות זיי האבן צו ריסין די דעק וואס בדעקט דיא פאר בארגנע זאכין כלומר זעלבע זאכין וואס זיינן פאר בארגין פון אנדרע מענטשין קאנען דיא פרומע לייט זעהען והגיעו אל מרגוע האמת אונ האבין גירייכט צו די ווארהאפטיגע רוא ביגיעה דורך זייער מידיקייט ויצאו ממנוחה אונ זיינען אוס גיגאנגין פון דעם רוא אל שעשועים צו פארגעניגן אונ פרייליכקייט לא טרדם מאוים זייער גלוסטיקייט האט זייא ניט טרוד גימאכט פון צו דינען גאט ולא אחרם אורך קצם אונ עס האט זיי ניט אפ גיהאלטין גאט צו דינען ווייל זייער סוף גיווערט לאנג אונ האבין ניט גיזאגט מארגין וועלין מיר תשובה טאן מיר וועלין נאך צייט האבין גאט צו דינען נאר זיי האבין אלע טאג גידינט גאט ווי ווייט זייא האבין גיקאנט והם ליום המות נחפזים אונ זיי איילין זיך צו דעם טאג פון דעם טויט ומאחריתו נשמרים אונ פון זיין סוף היטן זיי זיך כלומר זיי איילין זיך צום טויט אונ גילוסטין צו אים כדי זייא זאלין פטור ווערין פון תאוות פון דעם עולם אונ פון דיא מלחמות יצר הרע אונ היטין זיך דאס דר טויט זאל זייא ניט קומן דורך זייערע זינד קרואי אלהים זייא זיינען השובים בייא גאט ומשחריו אונ זיינע פארשטער ומיחליו אונ זיינע האפערם ועובדיו אונ זיינע דינערם דוברי אמת זייא ריידין אמת ולוהגי צדק ריידין גירעכטיקייט מבלי מורא אהן פארכט ולא שלטון ממשלת שטן אונ ניט קיין גיוועלטיקייט פון דעם שטן יקרים יותר מכל אדם זייא זיינען טייערר פון אלע מענטשין ושמורים יותר מכל עם אונ זיי זיינען בעסר גיהיט פון אנדערע דאס גאט היט זייא בעסר פון אלע מענטשין ותפארתם ומעלתם גדולה אונ זייער שיינקייט אונ זייער מעלה איז גרעסער פון אלע מכובדים בבתי האלהים זיי זיינן גיערליכט אין די הייזער פון גאט דס איז אין די בתי כנסיות אונ בתי מדרשות וגדולים בעיני הברואים אונ זיינען גרוים אונ חשוב אין דיא אויגין פון מענטשין אין טורד אותם מזכר האלהים קיין שום טירדא קאן זייא ניט טרוד מאכין פון צוא דער מאנען זיך אין גאט ולא מעכבם מהודותו אונ קיין שום אויף האלטער קאן זייא ניט אויף האלטן פון צוא לויבן גאט לשונותם רגילות בהלל זייערע צונגין זיינען גיוואוינט צוא לויבן אונ דאנקן צוא גאט ולבותם שמחות בבר וביחוד אונ זייערע הערצער פרייען זיך מיט דעם וואס זייא זיינען לויטר אונ זיינען מיחד זייערע מעשים צוא גאט התנכר להם העולם די וועלט האט זיך פאר זייא פרעמד גימאכט כדי זיי זאלין ניט דער קאנן איין פאלשקייט וועלין זייא נאך גיין נאך אים והכירוהו אבער זייא האבן אים דער קאנט גוט אונ

ווייסין

לבש להם בגדי חמודותיו ויחשבוהו שולל והתרפה להם וימצאוהו מוכרת, שחק אליהם ויגערו בו ורצה להמותם ונמו מעליו, השקיפו על רוע מעלליו והתבאר להם גנות מעשיו ואין לו שלטון עליהם ולא בכמה יתקרב אליהם. הם בחירי האלהים הברים וסגולת החסידים בעלי הרואות הפקחות והמשאלות היקרות והיגיעות הרצויות, אשרו אל האלהים ואושרו וסחרו עמו והרויחו, ברוו מצפונם ונבררו וזכו לבותם ונבחרו, הצטידו היראה בדרך הרעה ונצלו

## מרפא לנפש

והמלכות כי לא מלא פיהם נגדו ומרמיו: לבש להם בגדי חמודותיו ר"ל אף שלפעמים אותם הכרים מעת כמוכ"ש שמ"מ אינם כמותם בו כו': ויחשבוהו שולל שלסוף יבא כמס ויבלבל מהם כל או שבשונים יבין לנקמם כמ"ש לעיל: והתרפה להם לפעמים ישינו כל פלוס כמעט יגיעם והשתדלות כרפיון ידים והוא מעשה סלר כדי שילכו אחר הכבל ויכבש ולסוף נופלים במכודה קשה אבל המחרידים הכם לא כלאמים כוס. או ר"ל שהעולם אחרי ראותו שלא נמשכו אחריו קלף עליהם והתרפה מהם בלא להם לכם תוקף כדי שעי"כ יחדלו להמשך אחר עסקיו אמנם לא שוה לו כי הם מאתו מוכרח לתת להם כמאן כהכרתי גם כולה טרלה. פ"ל: וימצאוהו סוכרה להם לבל אים די מהסורו כפי הנגזר עליו מהשי"ת: שחק אליהם כו' כמה דברים הם כפולים כאן כי כן דרך בעלי לבון והמליצה ישרה לחזק הענין במלות שונות וכן המלה נכפלים משלי איוב: ואין לו ר"ל לעולם: אשרו אל האלהים ואושרו הוא ע"ד הבא לטהר מסייעין אותו. או אשרו לאמרים אל אלהים ואושרו גם הם: הצטיידו היראה כו' אפשר שהוא מלשון צד ע"ד שנדו יראת ה' כמה פעמים בדרך רעה בכוח להם לצר ויגונים עי"ש

ווייסן אז דיא וועלט איז נאר הבל ודברו בו אונ זיא ריידין פון דעם עולם וספרוהו אונ זייא דער ציילן דאס פאלשקייט פון דעם עולם דרום זיינען זייא אים גיט נאך גיגאנגין לא נעלם מעיניהם בגדו עס איז ניט פר הוילן פון זייערע אויגן דאס פאלשקייט פון דעם עולם ולא נסתרה מהם אונ עס איז ניט פאר באָרגין פון זייא זיין שלאפקייט לבש להם בגדי חמודותיו דער עולם דאט זיך פאר זייא בקלייד מיט זיינע גלוסטיגע קליידר כדי זיי זאלן צו אים לוסט האבן ויחשבוהו אונ זיי האבן אים גיאכט שולל גלייך ווייא ער האט קיין שום זאך ניט כלומר דאטשע צו צייטן דאבן זיי פיל פון דעם גוטס פון דער וועלט פון דעסט וועגין האבן זיי דריגען קיין בטחון ניט וואָרום זיי טראכטין זיך צום סוף קאן קומען איין צייט אז עס זאל בייא זיי גאר אוועק גירויבט ווערין. אדר אזו איז דר פשט (ויחשבוהו שולל) אונ זיי האבן גרעכינט די וועלט פאר איין רויבר וואָרום דאס גוטס פון דעם עולם רויבט ביי זיי אוועק דעם שכר פון דיא מצות והתרפה להם אונ ווען ער שטעלט זיך שלאף פר זיי כלומר אז דער עולם זעהט אז זיי ווילין זיך ניט נאך ציהן נאך אים צערינט ער אויף זיי אונ וויל זיי ניט געבין זייער שפייז כדי זייא זאלין דורך דעם מזבה זיין נאך צוא זוכין זייער שפייז אדער (והתרפה להם) אז ער מאכט זיי שלאף דם הייסט ער ווייזט זיי ווען זיי זאלין זיך ניט בעמיען מיט די וועלטליכע זאכין דהיינו פיל געלט אונ גוטס צו זאמלין וועלין זיי שלאף ווערין אונ וועלין ניט קאנן קיין קיום האבן וימצאוהו מוכרח אבער זיי האבן פאר שטאנן אז ער איז גיצוואונגן צוא געבין איטליכן זיין שפייז וואס גאט האט אויף אים גוזר גוועזן דאטשע דער מענטש ווערט ניט האבין דרויף קיין איבעריגע טירחה שחק אליהם ער לאכט צו זייא אונ ווייזט זייא אפרייליך פנים אונ גיט זיי פיל גוטס כדי זייא זאלין לוסט האבן צו די תענוגים ויגערו בו אונ זייא שרייען אן אין אים אונ האבן ניט קיין חשק צו די תענוגים ורצה להמותם אונ האט גיוואלט זיי צו זיך גייגין ונטו מעליו אונ זייא האבין זיך אוועק גינייגט פון אים השקיפו על רוע מעלליו זייא האבין אכטונג גיגעבין אויף זיינע בייזע ווערק והתבאר להם גנות מעשיו אונ עס איז זייא אוים גיקלערט גיווארין זיינע שענדליכע מעשים ואין לו שלטון אונ דר עולם האט איבר זיי קיין גיוועלטיקייט ניט ולא בכמה יתקרב אליהם אונ האט ניט מיט וואס זיך מקרב צו זיין צו זיי הם בחירי האלהים זיי זיינען די אוס דר ווילטע פון גאט וואס זיינען לויטר וסגולת החסידים אונ די גיליבטע חסידים בעלי הרואות הפקוחות זיי זיינען די לייט וואס זעהן מיט אפענע אויגין והמשאלות היקרות אונ וואס זיי בגערן טייערע אונ חשובע זאכין והיגיעות הרצויות אונ בעמיען זיך מיט זעלכע מעשים וואס זיינען בווילגט אשרו אל האלהים זיי האבין גימאכט אנדערע טרעטין אדר לויבין צו גאט ואושרו זיינען זיי אויך גלויבט גיווארין צו גאט וסחרו עמו אונ זיי האבן גהאנדילט מיט אים והרויחו אונ זיי האבן גיוואונען ברוו מצפונם זיי האבין אוים גיקלערט זייערע גידאנקען ונבררו אונ זיינען וואָרן אום גיקלערט וזכו לבותם אונ זייא האבין אוים גילייטערט זייערע הערצר צו גאט ונבחרו אונ זיינען וואָרין אוים דער ווילט הצטידו היראה זייא האבן זיך איין גשפייזט מיט גאטס פארכט אז דר יצר הרע האט זייא אן גירעט זיי זאלן גיין בדרך הרעה אין דעם

שלעכטין

דרכבו מרכבות המעשים והגיעו, פנעו בשמחה מתמדת וששון לא ישתנה, נמלטו ממעמד החשבון ובטחו מהיסורים. ואתה בני בחר הטוב לנפשך טרם התרטה אשר לא תועיל והדאגה אשר לא תכלה. האלהים יורנו ואותך הדרך הישרה ויטה אותנו אל נתיב ההצלחה ברחמיו ורוב חסדיו, אמן:

נשלם שער התשיעי. תהלה לאל יתברך: